STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05472

# MOSHEH KAPOYR

B. Kovner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# משה קאַפּויר

# משה קאפוירס לעבענס-בעשרייבונג.

געשריבען פון דעם מחבר אליין, צוויי אַ זויגער בייגאכט, ביי אַ שרייב־טישעל, מיט טינט און פעדער, אונטער דאָס שנאָרכען פון זיין א י י ב־צ י ג ע ר פרוי און דאָס פייפען פון זיעבען נעזלעך, וועלכע געהערען צו זיעבען פערשיעדענע קינדער: צו פיער אינגלאך און דריי מיידלאך.

זיינען מיר, הייסט עס, פארטיג מיט דער הקדמה.

הכלל, ווער איז משה? פון וואנען קומט ער? פון וואנען שטאמט ער? האט ער געהאט עלטערען? וואו איז ער געבוירען? וואו האט ער זיך געהאַדעוועט? ווען איז ער בר מצוה געוואָרען? ווען האט ער חתונה געהאט? ווען דענקט ער צו שטארבען? — אט אויף די אלע פראגען וועל איך פרובען צו ענטפערען אזוי קורץ, ווי מעגליך. נאך קירצער ווי א קאַלוקמאכער'ס „סיזאָן".

און אויב ס'וועט מיר ניט קלעקען קיין ריכטיגע פאקטען, וועל איך זיך בענוצען מיט א ו י ס ג ע ט ר א כ ט ע פאקטען, אבי ניט אבצוטרעטען פון'ם אמת.

איצט צו דער עבודה:

ווער איז משה? משה איז א איד וואס פייפט אויף דער מאַ־דזשאריטי. ער געהט געגען דער גאנצער וועלט. ער אנערקענט ניט קיין זאך וואס א י ה ר אנערקענט. דאָס איז זיין פילאָזאָ־פיע... נאר וועגען דעם וועלען מיר שפעטער א שמועס טהאָן.

פון ו ו א נ ע ן שטאמט ער? דאָס איז זעהר שווער צו זאגען. מאנכע ווילען האבען, אז ער שטאמט פון גרויסע לומדים,

פון געהויבענע יחסנים; ווידער אנדערע ווילען אונז בעווייזען, אַז ער שטאַמט פון גאַלע בעלי־מלאכות, פון אביונים און ווידער אנדערע, ווי, למשל, זיינער אַ שוואַגער, בעווייזט מיט אותות ומופתים, אַז ער — משה הייסט עס — שטאַמט פון גאַליציען. היינט דערגעהט אַ טאַלק! נאָר וועגען דעם וועלען מיר שפּעטער אַ שמועס טהאָן.

איצטער שטעלט זיך די פראַגע: האָט משה געהאַט עלטע־רען?

אויף דער פראַגע מוז מען אַנקומען נאָך אַן ענטפער צו משה'ן אַליין. וואָרום ווער קען נאָך בעסער וויסען ווי ער אַליין?

און משה זאָגט: — ניין; ניט איך האָב געהאַט אַ טאַטען, ניט קיין מאַמען". און ער ערקלעהרט, דאָס זעהר לאָגיש:

אַלע זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס — זאָגט ער — זיינען געשטאָרבען זעהר יונג. זיין עלטער־זיידע, זאָגט ער, איז גע־שטאָרבען ווען ער איז אַלט געווען זעכצעהן יאָהר. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ בחור. און דער זיידע זיינער, זיין טאַטענס טאַטע, איז געשטאָרבען אַ וואָך נאָך דער בר מצוה. אויך אַ בחור. האָט ער, הייסט עס, קיין זיידעס ניט געהאַט. און מיט די באָבעס זיינע, ערקלעהרט משה, האָט אויך פּאַסירט אַן אומגליק: זיי זיינעןביידע געשטאָרבען פון אַ מגפה בשעת זיי זיינען נאָך גע־ווען זויג־קינדער...

— הייסט דאָס, אַז דו האָסט נישט געהאַט קיין עלטערען? — פרעגט מען משה'ן.

און משה ענטפערט:

— ניין. מחמת די זיידעס מיט די באָבעס זיינען דאָך גע־שטאָרבען נאָך איידער זיי האָבען חתונה געהאַט, האָבען זיי דאָך, זעלבסטפערשטענדליך, קיין קינדער ניט געהאַט, טאָ ווי האָב איך געקענט האָבען אַ מאַמען?

— פרעגט מען דאָך איהם אַ פראַגע:

— זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט. אָבער דאָס אַליין וואָס דו

לעבסט, וואס דו עקזיסטירסט, איז דאך א בעוויז, אז דו שטאמסט פון וועמען, אז אימיצער האט דיך געבארען?

ענטפערט אויף דעם משה:

— אמת. אבער דאס איז נאך קיין בעוויז ניט. און ער פלאנ־טערט אויף דעם קניפ:

— ווען איך האב געדארפט, זאגט ער, געבוירען ווערען, האט זיך, זאגט ער, אפגעטהאן חושך אין אונזער שטעדטעל. קיין פרוי האט מיך ניט געוואלט האבען. „וואס" — האבען די פערהייראטע פרויען גע'טענה'ט — „מיר וועלען אייך געהן געבוירען משה'ן?

— קיינמאל ניט! מיר זאלען אפילו וויסען צו שטארבען!"

אט אזוי האבען גע'טענה'ט כמעט אלע פערהייראטע פרויען פון זיין שטעדטעל. וואס זשע טהוט מען? און ווער, מיינט איהר, האט זיך אזוי צוריסען דעם ספאדיק", אז איך זאל געבוירען ווע־רען? — א חסיד! א יונגער ברענענדיגער חסיד מיט צוויי שוואר־צע פאות און יונגע וואנסעלעך, מיט א נייעם טלית קטן. אט־א־דער־א יונגער חסיד איז געווען דער איינציגער אין שטעדטעל, וואס האט זיך געבעטען כמעט ביי אלע פערהייראטע ווייבלאך, אז זיי זאלען מיך האבען, און אלע האבען זיך אפגעזאגט: זיי ווילען ניט און ווילען ניט. איינע האט מורא געהאט פאר איהר אייגענעם מאן; א צווייטע פאר דער שוויגער; א דריטע פאר לייטען; קורץ, עס האט שוין געהאלטען אזוי ווייט, אז איך זאל אין גאנצען ניט געבוירען ווערען. האט דער יונגער חסיד גענזעהן, אז ס'איז שלעכט, האט ער זיך אן עצה געגעבען (א תלמיד חכם א איד, גיט זיך אלע מאל אן עצה)... ער, דער חסיד, האט ערגעץ אויפגעזוכט אן ארימע יתומה, א שעהן מיידעל פון א יאהר נייגצעהן, מיט שעהנע שוואר־צע אויגען, א בלאסע, א שעהמעוודיגע, א דערשלאגענע נעבאך, וואס האט זיך אויפגעהאלטען ביי א בלינדען פעטער. און גענומען איינ'טענה'ען מיט דער דאזיגער יתומה, אז זי מוז אלעם אוועקלע־גען אן א זייט און מ י ך האבען! — — —

די יתומה האט זיך אויך ניט באלד געכאפט צו דעם; זיך

געאַמפּערט מיט דעם חסיד, אָבער דער חסיד האָט איהר איבער־געדערט...

און אַט די דאָזיגע יתומה האָט איהם געטהאָן אַ טובה און מיך געבוירען.

פאַר איהר בלינדען פּעטער האָט זי שפּעטער אָנגעגעבען צוויי אורזאַכען פאַרוואָס זי האָט מיך געהאַט. די ערשטע אורזאַך: ווייל זי האָט סיי ווי סיי ניט געהאַט וואָס צו טהאָן. זי איז פּשוט משוגע געוואָרען פון לעדיג אַרומגעהן; צווייטענס — און דאָס איז דער עיקר — איז איהר טאַקע דער חסיד געפעלען געוואָרען...

און משה ענדיגט: און אַזוי ווי דער חסיד האָט קיין מאָל מיט דער יתומה ניט חתונה געהאַט, הייסט עס, אַז איך בין ביז היינטיגען טאָג געבליבען אָהן עלטערען".

ווייטער וויל משה וועגען זיך גאָר ניט דערצעהלען. די ווייטערע שטאַף פאַר זיין לעבענס־בעשרייבונג מוז איך שוין שעפּען פון אַנדערע קוואַלען: פון זיינע לאַנדסלייט.

און אַט וואָס זיי האָבען צו זאָגען:

אַלע קינדער קומען אויף דער ליכטיגער וועלט מיט אַ געוויין. און ער, משה, איז געקומען מיט אַ געלעכטער. ער האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז די הייבאַמע האָט געמוזט מיט־לאַכען... ווייטער דער־צעהלען זיינע לאַנדסלייט, אַז ווען משה איז געבוירען געוואָרען, איז ער שוין אַלט געווען פ י ע ר יאָהר. ווי אַזוי איז דאָס מעג־ליך? — ווייסען זיי טאַקע ניט. נאָר אַ פאַקט, זאָגען זיי, בלייבט אַ פאַקט!..

אין חדר איז משה קיינמאָל ניט געגאַנגען. דאָס אַליין בע־ווייזט, אַז ער איז נישט געווען קיין נאַר... בר מצוה איז ער געוואָ־רען צו 14 יאָהר (ניט צו 13).

צו 15 יאָהר האָט ער דעם גרעסטען עושר פון שטאָדט אָנגע־שפּיגען אין פּנים בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַן עושר. וואָס דאָס בעווייזט, אַז משה איז ניט בעשאַפען פון דעם זעלבען שטאָף, וואָס סקעבס ווערען בעשאַפען... צו 18

יאהר האט ער אנגעהויבען צו האסען מיידלאך. ס'איז נישט גע־ווען קיין איין מיידעל אין שטעדטעל וואס משה זאל זי נישט הא־סען ווי דעם טויט. ביי איהם האט דאס געהייסען ל י ע ב ע... און ערקלעהרט האט ער דאס אזוי: אמת'ער האס איז די הייסטע ליע־בע. ווען איך האס א מיידעל, וועל איך מיט איהר נישט חתונה האבען, וואס דאס מיינט: נישט אומגליקליך מאכען. און דאס הייסט ל י ע ב ע. קוים אבער ליעב איך א מיידעל און איך האב מיט איהר חתונה, און מאך איהר דורך דעם אומגליקליך — איז א סמן אז איך האס זי; אז איך האב זי פיינט... ווארים א מענ־שען וואס מען ליעבט, מאכט מען דאך ניט אומגליקליך.

דערפאר ליגט א גרויסע פילאזאפיע אין זייןווערטעל:

— האס איז ליעבע און ליעבע איז „האס"...

אבער משה האט דאך פארט חתונה געהאט, איז דער תירוץ, אז צו 20 יאהר האט ער זיך זעהר שטארק פערליעבט אין א מיי־דעל, וועלכע ער האט געהאסט ווי דעם טויט. און אזא מיידעל, איז דאך א מצוה גדולה אומגליקליך צו מאכען, האט ער מיט איהר געהייראט...

איצט איז די פראגע: ווען דענקט ער צו שטארבען?

אויף דעם ענטפערען צוויי לאנדסלייט, אז זיי ווייסען נימ־אלענפאלס וועט ער דאס נישט טהאן כל זמן ער לעבט... ווייל צום שטארבען דארף זיך א מענש נעהמען צייט. און משה איז שטענ־דיג „ביזי".

איצטער וועלען מיר א שמועס טהאן פון זיינע פיהרעכצען: מיט וואס אונטערשיידעט ער זיך פון אלע מענשען?

אט מיט וואס:

למשל: יום כפור עסט ער מעהר ווי אלע טעג פון א גאנץ יאהר. און דוקא טרפות, און דוקא אהן א היטעל.

פסח עסט ער חמץ, און נאך פסח — מצות.

שבועות עסט ער פלייש און ראש השנה מילכיגס.

פורים און שמחת תורה איז ער אומעטיג און תשעה באב פרעה־ליך.

זומער, אין די גרעסטע היצען, זיצט ער אין שטאָדט, און ווינ־טער, אין די גרעסטע פרעסט, פאָהרט ער אין קוני איילאנד.

זעהט ער א לויה — לאכט ער, טהוט עס איהם הנאה; זעהט ער א חופה — זיפצט ער, האָט ער עגמת נפש.

זומער טראָגט ער וואָלענע אונטערוועש, א וואָלענעם סוט, וואָלענע זאָקען, און א ווארימע שיך און א ווארימע היטעל.

ווינטער טראָגט ער דינע אונטערוועש, אן אלפעקע סוטעל אָהן אונטערשלאָג, זיידענע זאָקען, א זיידען העמדעל, געלע סליפּערס און א שטרויענעם קאפּעלוש.

צייטונגען לעזט ער ניט. ער זאָגט, אז ווען די גאַנצע וועלט לעזט צייטונגען, דאַרף ער ניט לעזען; ווען די וועלט סטאָפּען וועט ער אנהויבען.

די שטאַרקסטע פלאָטע, זאָגט ער, האָט סערביען.

— סטייטש, ווי קומט סערביען צו א פלאָטע?

משה ווייסט, אז סערביען האָט קיין פלאָטע ניט, נור ווייל די גאַנצע וועלט זאָגט, אז ענגלאַנד איז די שטאַרקסטע אויפ'ן וואַ־סער, זאָגט משה קאַפּויר, אז סערביען איז די שטאַרקסטע.

ברילען טראָגט משה אָהן גלעזלעך, ווייל אלע טראָגען מיט גלעזלעך.

האָט ער א זייגעריל, טראָגט ער עס אין א הויזען־קעשענע.

האָט ער א נאָז־טיכעל, טראָגט ער עס אין א וועסטעל־קעשענע.

געהט ער אין א שוויץ־באָד, וואַשט ער זיך אפילו ניט אָרום, דאָס איז דערפאַר, זאָגט ער, ווייל אלע וואַשען זיך.

דאַוונט ער אמאָל און עס קומט צו דער שמונה עשרה — געהט ער אַרום.

אין א רעסטאַראַנט עסט ער דוקא מיט די הענד. ווייל אלע עסען מיט א גאָפּעל.

— ליגט ער זיך שלאפען, שלאפט ער מיט אפענע אויגען, ווייל די גאנצע וועלט שלאפט מיט פערמאכטע אויגען.

אין א קאר גיט ער אמאל אוועק זיין סיט א מאן, ניט קיין פרוי.

אלס בארדער איז ער איינמאל אנטלאפען מיט זיין מיסטער, ניט מיט דער מיסעס.

אין טהעאטער זיצט ער מיט'ן רוקען צום סטיידזש, ווייל אלע זיצען מיט די פנים'ער. אפט געהט ער ארויס ווען מען שפיעלט און קומט אריין צווישען די אקטען.

דערצעהלט מען איהם א וויץ, וויינט ער; דערצעהלט מען איהם א טרויעריגע זאך — שמייכעלט ער.

בעגעגענט מען איהם אין גאס, דערלאנגט ער די לינקע האנד און שרייט אויס: „גוד באי!". געזעגענט מען זיך מיט איהם, רופט ער אויס: „העללאו!". שטארבט ווער איז פון זיין פא־מיליע שטעהט ער שבעה. און אזוי כסדר.

לעזענדיג די וויטערע קאפיטלעך וועט איהר זיך מיט איהם בעסער בעקענען. און איהר וועט מוזען צוגעבען, אז ער איז ניט דער איינציגער. כמעט אין יעדען איינעם פון אונז געפינט זיך א פונק פון משה'ן...

און אפשר איז גאר די היינטיגע וועלט אזא?

איך נעהם דאס דערפון, וואס די פיינע, די ערדלע, די עהר־ליכסטע מענשען זיצען היינט הינטער אייזערנע גראטעס און די גנבים, רויבער, פאגראמשטשיקעס געהען ארום פריי איבער די גאסען...

יא, קינדערלאך, די גאנצע וועלט איז א קאפויר'דיגע! — —

— — — — — — — — — — — —

מיט א שלאם אויפ'ן מויל, פערבלייב איך, אייער.

ב. קאוונער.

## קאפויר אלס באָס.

מייז בעריהמטער לאַנדסמאַן משה קאפויר איז געוואָרען א באָס.

צוואַנציג מאַשינען לויפען און הודזשען אין זיין שאָפּ.

די ארבייטער בעהאַנדעלט ער זעהר פיין: זיי קריגען גוטע וויידזשעס, ארבייטען קורצע שטונדען און האבען אַלע פריוויליגיעס: מעגען עסען און טרינקען און זינגען און רויכערן און דעבאַטירען וועגען סאציאליזם, וועגען יקרות און וועגען טעמעני האל.

איז דאָך דאכט זיך גוט, — טויג עס ערשט ניט!

ווי נור משה האט געלעזען אין די ציימונגען, אַז די שניידער זיינען ארויס אין סטרייק געגען זייערע באַסעס, האט ער באלד געהייסען זיינע ארבייטער אבשטעלען די מאַשינען.

— וואָסי? — האבען די ארבייטער געפרעגט.

— איך וויל, אַז איהר זאָלט אויך סטרייקען! — האט משה געענטפערט.

און ער האט זיך ארויפגעשטעלט אויף א מאַשין און געהאַלטען פאר זיינע ארבייטער די פאָלגענדע רעדע:

— חברים! — וואס זיצט איהר איינגענורעט מיט אייערע אויגען אין דער ארבייט? פארוואס געהט איהר ניט ארויס אין סטרייק גלייך מיט אייערע ברידער? אַלעמאַל פערלאַנגט איהר ניט קיין העכערע וויידזשעס און קירצערע ארבייטס־שטונדען? ווארט ניט, ברידער! וואס פריהער איהר וועט דאס פערלאַנגען, אַלץ בעסער, אַלץ געזינטער וועט דאס זיין פאר אייך! דער יקרות איז גרויס, דער לעבענס־מיטעל איז מיט גאַלד צוגלייך, פרויען

קינדער האט איהר, טא וואס־זשעווארט איהר? אויף ווען ווארט איהר? פאלגט מיך און סטרייקט!

„ברידער! איהר וועט זעהן, אז איהר וועט אלעס אויספיהרען ביי מיר! פעראייניגטערהייט זייט איהר א מאכט; אויב איהר וועט ניט האבען דאגעגען, וועל איך אייך אליין העלפען אויסשטע־לען די פאדערונגען.

„זייט זיכער, מיינע ברידער, אז איך בין אייך אן אמת'ער פריינד! איך בין אויך צופריעדען מיט דער יוניאן. די יוניאן איז אייער לעבענס־רעטער, אייער גליק! ווען ניט די יוניאן, מיינע ברי־דער, וואלט איהר געווען אויף צרות. ווער וואלט זיך פאר אייך אנגענומען, ווער? טא צאהלט־זשע רעגעלמעסיג אייערע דיוס און זייט געטרייע יוניאן־לייט! שרעקט זיך ניט פאר די באסעס! די באסעס אהן אייך, זיינען גארנישטעט, אהן אייך דארפען די בא־סעס לעגען די צייהנער אויפ'ן בוידים. אויף צעהן טויזענד כפרות דארפט איהר זיין! דאס זיינען ניט קיין מענשען, נאר פיאווקעס! בלוט־זויגער!

„אלזא, מיינע ברידער" איילט זיך צו און געהט ארויס אין סטרייק. גענוג צו הארעווען פאר פרעמדע שווארץ־יאהרען! איהר וועט זעהן, אז איהר וועט קיין חרטה ניט האבען! איך וועל מוזען סעטלען מיט אייך ווי א טאטע!

„ליעבע ברידער! ווען מיין בליק פאלט אויף אייערע געלע, איינגעפאלענע געזיכטער, ווערט מיין הארץ אין שטיקער צוריסען! ניט איהר וואוינט אין לייטישע דירות; ניט איהר טראגט לייטישע מלבושים ניט איהר עסט לייטישע מאכלים. גארנים! וואס אומ־שטיינס געזאגט, האט איהר פון אייער גאנצע הארעוואניע מכות מיט זאלץ און קרחת מיט פעפער!

„ברידער! וואס האלט איהר די קעפ ארונטערגעלאזען? וואס קלערט איהר? וואס זייט איהר זיך מישב? — ארונטער אין סטרייק! הא? וואס זאגט איהר? איהר האט מורא פאר סקעבס? נארישע מענשען, וואס איהר זייט! אויב אזוי, קענט איהר נאך ניט משה'ן!

משה וועט אין זיין שאַפּ קיין סקעבס ניט אַריינלאָזען! משה האַסט אַ סקעב ווי דעם טויט! משה וועט בעסער אויפגעבען דעם שאַפּ, ווערען אוים באָס, איידער אַרבייטען מיט סקעבבאַטשעס! טרייעט, דזשאַסט פאַר פאַן, שיקט מיר אונטער אַ פּאַר סקעבס, וועט איהר זעהן, אַז זיי וועלען מיט זייערע קעפּ די טהיר עפענען!

„ליעבע ברידער! און אויב איהר גיהט שוין יאָ אַרונטער אין סטרייק, זאָלט איהר זיך ניט בענאַרישען; זאָל אייער פערלאַנג זיין וואָס גרעסער, בעוואָרענט זיך אַזוי, אַז איהר זאָלט ניט דאַרפען באַלד ווידער סטרייקען. נישקשה, די באָסעס קענען בעשטעהן, זיי מאַכען גענוג פּראָפיטען פון אייער שוויים! וואָס זיי מאַכען אין אַ חודש, מאַכט איהר דאָס ניט אין אַ גאַנץ יאָהר! זיי האַבען דיענסטען, אַטאָמאָבילס, פּאַלאַצען, מיליאָנען, און איהר? — וועה צו אייערע טעג!

„ניעדער מיט די באָסעס! ניעדער מיט די פּיאַווקעס! עס לעבע די אייניגקייט פון דער יוניאָן! עס לעבע דער קאַמפּף!"

דאָ האָט משה קאַפּויר געענדיגט זיין בעגייסטערטע רעדע פאַר זיינע אַרבייטער און איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דער מאַשין.

די אַרבייטער האָבען זיך גענומען איבערקוקען, ווי איינער רעדט: „דעם ערשטען מאָל טרעפען מיר אַזאַ באָס. ניט אַנדערש ווי ער איז ניט ביים זינען. חסר דעה..."

משה האָט דאָס בעמערקט און — אויסגערופען:

„ברידער! אויב איהר געהט ניט באַלד אַרונטער אין סטרייק, וועט איהר מיך מאָרגען געפינען אַ טויטען".

און די אַרבייטער האָבען נעביך געמוזט אַרונטער אין סטרייק.

# משה קאפויר ווערט אַ טאטע.

— גוט באַי קאָוונער! — הער איך אַ בעקאַנטע שטימע הינטער מיר.

איך קוק זיך אום — משה. משה קאפויר.

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, משה ווי געהט עס דיר? האָסט היינטיגען ערשטען מאַי געמאַרטשט?

— ניין.

— פאַר וואָס?

— ווייל דעם ערשטען מאַי מאַרטשט די מאַדזשאָריטי און איך פייף אויף דער מאַדזשאָריטי.

— ווען דען ווילסטו מאַרטשען?

— אָדער דעם עלפטען מאַי אָדער דעם דריטען יוני...

— ביזט משוגע.

— בין איך!

— וואָס זשע הערט זיך אזוי? וואָס מאַכט דיין פרוי?

— זי קרעכצט.

— וואָס איז איהר?

— זי געהט צו קינד.

— וואו זשע געהסטו?

— רופען אַן איינבינדער.

— אַ וואָס?

— אַן איינבינדער.

— וואָס טויג דיר אַן איינבינדער?

— צו מיין פרוי.

— אז א פרוי געהט צו קינד, רופט מען אן איינבינדער? איך הער דאָס דעם ערשטען מאָל!

— וועמען דען רופט מען?

— וואָס הייסט וועמען, א דאָקטאָר.

— איך האָב פיינט נאָכצוטאָנצען די מאַדזשאָריטי! די מאַדזשאָריטי איז דום, אונוויסענד, נאַריש!

— אָבער וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזא זאַך? וועלכער משוגענער רופט דאָס אין אַזא פאַל אן איינבינדער. וואָס טהוסטו אז דו דאַרפסט איינבינדען א ביכעל?

— ווען איך זאָל דאַרפען איינבינדען א ביכעל, וואָלט איך דאָס אוועקגעגעבען צו אַ פרויען־דאָקטאָר אָדער צו הייבאַמע. אַט אַזאַ מענש בין איך שוין. שיך פיקסען שיק איך אין אַ לאָונדרי; וועש — צו א שוסטער; מעדיצין קויף איך אין א מילינערי סטאָר און פרויען העטס אין א דראָג־סטאָר.

— און אז דו דאַרפסט א הערקאַט?

— געה איך צו א קירזשנער.

— פאַרוואָס געהסטו ניט צו א באַרבער?

— ווייל אַלע געהען.

און רעדענדיג האָב איך ארויסגענומען פון קעשענע א טאַבאַק פושקעלע און משה'ן מכבד געווען מיט א שמעק־טאַבאַק.

האָט משה גענומען א שמעק טאַבאַק און איהם אריינגעשאָטען אין מויל.

— משה, ביזט פעררישט? טאַבאַק שמעקט מען דאָך מיט דער נאָז!

— ניט משה! משה שמעקט מיט'ן מויל!

— און אז דו ווילסט סמוקען?

— סמוק איך מיט'ן נאָז.

— ווי קען מען?

— מען קען שוין.

און ער איז צבועגאנגען צו א סטענד, געקויפט פאַר א פעני

א סיגארעטעל, ארייגעשטופט עס אין א נאז־לעכעל, פעררויכערט און געגומען ארויפציהען...

ער האט אזוי לאנג געצויגען דאס פאפיראסעל מיט'ן נאז־לעכעל, ביז עס האט אנגעהויבען סמוקען.

מענשען האבען זיך אפגעשטעלט קוקען אויף איהם און זיך גע־האלטען פאר די זייטען פון לאכען.

משה אליין איז געשטאנען שטאלץ און געלאכט פון דער מא־דזשאריטי און מיר האט ער געבעטען, אז איך זאל איהם סטאפען רופען משה קאפויר, נור ק א פ ו י ר מ ש ה.

דאן האט ער זיך מיט מיר געזעגענט אויף זיין שטייגער: מיר געזאגט „העלאו קאונער", און איז אוועק.

אויף מארגען האט מען מיך גערופען אין טעלעפאן אין דראג־סטאר.

לויף איך ארונטער, נעהם דעם רעסיווער אין האנד, און הער ווי איינער שרייט:

— גוד באי!

איך דערקען משה'ס שטימע: העלאו, משה! וואס איז?

— איך וויל דיר אנזאגען א טרויעריגע בשורה: מיין אידענע האט געהאט א מיידעלע.

— מזל טוב דיר, משה!

משה האט א זיפץ געטהאן דורכ'ן טעלעפאן.

— וואס זיפצסטו?

— איך זיפץ וואס ביים היינטיגען יקרות דארף איך נאך פראַ־ווען א ברית.

— וואס פאר א ברית?

— א ברית ווי אלע ברית'ן.

— זאגסט דאך, אז זי האט געהאט א מיידעלע.

— טא איז וואס?

— דארף מען דאך קיין ברית ניט.

— ביי מיר איז אנדערש...

# משה ווערט אַן אַקטיאָר.

בעת אונזער ניו יאָרק האָט זיך געבאָדען אין שוויים און געפּאַ־בעט מיט דער נשמה און געשלאָפען אויפ'ן דאַך און דערקוויקט זיך דאָס הארץ מיט אייז־וואסער, פּונקט דאַן האָב איך אָנגעטראָפען משה קאפּויר.

ער איז געגאנגען איבער ריווינגטאַן סטריט אין אַ פּעלצעל, מיט אַ פוטערן היטעל און שיך מיט ווארעמע קאָלאָשען.

— העללאָו, משה! — האָב איך אויסגערופען — וואָס מאכסטו? וואו געהסטו?

ער האָט זיך אומגעדרעהט און אויסגערופען:

— גוד באַי, קאַוונער, וואָס מאכט עפּעס דיין ווייב מאָטעל?

— מיין ווייבעל הייסט ניט מאָטעל, זי הייסט ציללי.

— ציללי איז ביי מיר מאָטעל... אלעמאי רוף איך מיין שוועסטער: איטשע מאיר.

— ווי הייסט זי מיט'ן אמת'ען נאָמען?

— מיט'ן אמת'ען נאָמען הייסט זי ברכה.

— טאָ ווי קומט ברכה צו איטשע מאיר?

— אָט אזוי איז דאָס... ווייל אלע רופען זי **ברכה**. הייסט זי ביי מיר **איטשע מאיר**.

— ביזטו דאָך משוגע.

— בין איך.

— עט מען דאָך לאַכען פון דיר.

— וועט מען.

און משה האָט מיר ווידער ערקלערט די אלטע געשיכטע, אז

ער וועט זיך ניט אונטערגעבען צו דער מאדזשאריטי, מחמת די מאדזשאריטי איז נאריש, דום און ניט פּראָגרעסיוו...

ווייטער האָט ער מיר דערצעהלט, אז ער איז געוואָרען אן אק־טיאָר. דער מענעדזשער גיט איהם 25 דאלאר א וואָך בלויז פאר שבת און זונטאג. און אז ער האָט שוין א פּאָר מאָל געשפּיעלט און געהאט א גרויסען ערפאָלג. און אז ער שפּיעלט, בלייבט מען אָהן זייטען פון לאכען...

ערשטענס, טראָגט ער אלע קליידער פערקעהרט, אזוי ווי עס ווייזט זיין פּיקטשור; צווייטענס, קומט ער אריין פערקעהרט. דאָס הייסט, מיט די פּלייצע; דריטענס, פערנויגט ער זיך פער־קעהרען פאר'ן פּובליקום, און פערטענס זאָגט ער אלע ווערטער קאַ־פּויר: די ווערטער פון פ ע ר ט ע ן אקט זאָגט ער אין ע ר־ ש ט ע ן אקט; די ווערטער פון ע ר ש ט ע ן אקט זאָגט ער אין ד ר י ט ע ן, און די ווערטער פון צ ו ו י י ט ע ן אקט זאָגט ער אין ע ר ש ט ע ן. אזוי ווייטער און ווייטער.

א חוץ דעם וויל ער ניט אז מען זאָל איהם אפּלאָדירען. און אויב ער זעהט, אז אימיצער אפּלאָדירט איהם, ווערט ער אין כעס און רופט דעם יעניגען „אינדיאַנער“ און „גרינהאָרן“.

ווייטער האָט ער מיר דערצעהלט אז ער האָט אויסגענומען מיט'ן מענעדזשער, אז ער זאָל איהם ניט אדווערטייזען מיט קיין גרויסע אותיות אין די צייטונגען. ער האָט פיינט, זאָגט ער, אז מען אדווערטייזט איהם גרויס.

ער האָט אויך אויסגענומען מיט'ן מענעדזשער, אז מען זאָל זיין בילד ניט ארויפגעבען אויפ'ן פּאָוסטער.

ער האָט פיינט אז ער זעהט זיין בילד אויף די פּאָוסטערס.

און אויב ער, דער מענעדזשער, וויל אומבעדינגט זיין פּיקטשור האָבען אויפ'ן פּאָוסטער, זאָל ער מאכען א קליין פּיקטשעלע און דאָס ארייַנשטעלען נאָר אונטען, קיינער זאָל עס ניט בעמערקען...

ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אז לעצטע וואָך האָט ער גע־זאָגט צו זיין מענעדזשער „מיסטער לאַפּידוס, טאָמער גיט איהר

ארויף אויפ'ן פּאוסטעך מיינע א גרויסע בילד אויבענאַן, וועט זיך אבטהאַן חושך!" און ער האָט געהאַקט מיטביידע פויסטען אָן טיש!...

ער שפּיעלט אויך ניט אין קאָרטען. ער וויל ניט נאָכטאַנצען די מאדזשאריטי.

ער וויל אויך ניט בעלאַנגען צו דער אקטיאָרען יוניאָן, ווייל אלע בעלאַנגען.

ער וויל אויך ניט קיין גרעסערע ווידזשעס. דער עיקר איז ביי איהם ניט דאָס געלד, זאָגט ער, נור די קונסט.

ער האָט אויך פיינט צו שפּאַסען מיט פרעמדע פרויען.

— ווי לאַנג, דענקסטו, וועסטו בלייבען ביי דעם דזשאָב?

— ניט לאַנג, בלויז איבער די היצען.

— וואָס וועסטו טהאָן ענדרע זומער?

— ענדרע זומער וועל איך אָנהויבען פאָהרען אין קוני־איילאנד זיך באָדען און איך וועל זיך אזוי באָדען, ביז מ'וועט דערלעבען ביז פּסח.

— פון וואָס וועסטו מאַכען א לעבען?

— דאָס ווייס איך נאָך ניט.

ער האָט זיך מיט מיר געזעגענט: אויסגעשטרעקט צו מיר זיין לינקע האנד, אויסגערופען: העלאָ, קאָוונער, גריס דיין אידענע! און איז אוועק ווייטער מיט ריוווינגטאָן סטריט. קליינע קינדער־לעך, מיט פערשוויצטע פּנים'לעך, זיינען איהם נאָכגעלאָפען.

# משה שטעלט זיך אליין ארויס אין גאס.

אין אטוירני סטריט האָב איך געזעהן אַ רעדעל מענשען.

בין איך צוגעגאנגען צום רעדעל. זעה איך אַ קופּע אַלטע מע־בעל און לעבען מעבעל — זיצט משה קאפּויר און לעבען איהם זיין פרוי און קינדער, צוויי מיידלעך און צוויי בּאָים.

די מיידעלעך זיינען געווען אָנגעטהאָן פאר בּאָים און די בּאָר יעס — פאר מיידעלעך. און גערופען האָט ער זיי אויך פארקעהרט.

למשל: אַ מיידעלע וואָס הייסט א ס ת ר, האָט ער גערופען ב ר ו ך. און אַ אינגעלע וואָס הייסט א י י ב י, האָט ער גע־רופען ק ל א ר א.

ווי נור משה האָט מיך דערזעהן, האָט ער אויסגערופען הויך אויפ׳ן קול:

— גוד באַי, קאָוונער! וואָס מאכסטו און וואָס מאכט דיין אידענע?

— אָלל־רייט — האָב איך איהם געענטפערט — וואָס זיצסטו דאָ? מען האָט דיך ארויסגעשטעלט אין גאס?

— ניין, קיינער האָט מיר ניט ארויסגעשטעלט, איך האָב זיך א ל י י ן ארויסגעשטעלט!

— איך פערשטעה דיך ניט, משה.

— איך האָב אבגעוואָהנט אין דעם הויז דריי מאָנאט אָהן רענט.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געצאָהלט קיין רענט?

— ווייל די מאדזשאריטי צאָהלט, און די מאדזשאריטי האָט איך ווי דעם טויט! איך האָב איהר פיינט נאכצומאַנצען.

— טאָ וואָס־זשע איז געווען?

— גאָר ניט איז געווען. בין איך געזעסען אָהן רענט און גע־

וואָרט אַז דער לענדלאָרד זאָל מיך אַרויסשטעלען אין גאַס. האָט ער אפּנים ניט געוואָלט אָדער פאַרגעסען; האָט מיך די געשיכטע פערדראָסען: סטייטש, אַ מענש צאָהלט דיר ניט קיין רענט און דו שווייגסט? בין איך געגאַנגען און זיך אַליין געמאַכט צו מופען. אַרויסגעשטעלט אין גאַס מיין ביסעל פּאָרניטשור, אַרויסגעטריבען די פרוי און קינדער פון הויז און גע'פּטר'ט אַז עסק; אַרונטער אַן עול פון'ם קאָפּ!

— אָבער וועלכער משוגענער מאַכט זיך אַליין צו מופען?

— אַט אַזאַ מענש בין איך. אַ מענש מוז זיין אָריגינעל. אַט טראָגען אַלע מענשען היטלען אויף די קעפּ און זאָקען אויף די פיס, און איך טראָג פערקעהרט: די זאָקען אויפ'ן קאָפּ און דאָס היטעל אויף די פיס. איך גלייך אָריגינאַליטעט.

דאָ האָט משה אַ טאַרע געטהאָן זיין פרוי:

די פרוי האָט זיך אומגעקוקט און געפרעגט וואָס ער וויל.

— נפתלי!

— דו זעהסט, קאָוונער? מיין פרוי הייסט גאָר ד ב ו ר ה. פונדעסטוועגען רוף איך זי נ פ ת ל י.

דאָס רעדעל מיט מענשען האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

אָבער משה'ן האָט זייער לאַכען וויינציג־וואָס געאַרט. ער האָט זיי גערופען „אידיאָטען“...

דאַן האָט מיר משה דערצעהלט, אַז ער ווישט זיך אָפּ דאָס פּנים מיט אַ צ י י ט ו נ ג און ער לעזט יעדען טאָג אַ האַנד־טוך. מאַנכעס מאָל, זאָגט ער, קריגט ער אַרוים פון אַ האַנד־טוך מ ע ה ר נייעס ווי פון אַ צייטונג. און ווען די צייטונגס־אַרויסגעבער, זאָגט ער, וואָלטען איהם געפאָלגט, וואָלטען זיי אַנשטאָט צייטונגען בעסער אַרויסגעגעבען האַנד־טוכער. די צייטונגען וואָס האָבען ניט קיין לעזער וואָלטען רייכער געוואָרען מיט לעזער. ווארום וועלכער איד אָדער אידענע וואָלט דאָס ניט געקויפט פאַר צוויי סענט אַ האַנד־טוך?

# משה קריעגט זיך מיט זיין פרוי.

מיט צוויי וואכען צוריק האב איך ערהאלטען פון משה קאַ־פּויר אַ פּאָסטעל־קארד. דאס פּאָסטעל־קארד האָט זיך געלעזען אזוי :

„פון מיר דיין פריינד משה קאפּויר. גריס דיין פרוי און קינדער גאָר פריינדליך. איך ארבייט און פערדיען. ווען דו האסט צייט, קום אביסעל ארויף צו מיר. אפּריל דעם 25טען, 1918. ליעבער פריינד!"

אויף מארגען בין איך אוועק זעהן משה'ן. ווען איך האָב אָנגע־קלאפּט אין טהיר, האט זיך דערהערט משה'ס שטים : „אוועק פון טהיר!"

האב איך פערשטאנען, אז דאס מיינט אויף זיין לשון : „קאם אין!"

בין איך אריין. דאס איז געווען ניין א זייגער ביינאכט.

— גוט מארגען! — האָט משה אויסגערופען — און מיר דער־לאַנגט די לינקע האנד.

— וואָס מאכסטו, משה?

— איך קריעג זיך מיט מיין פרוי. און ער איז צוגעגאנגען צו זיין פרוי און איהר ארומגענומען און איהר צוגעדריקט צו זיין ברוסט און איהר אָנגעהויבען צוהאלזען און צו קושען.

— דאס הייסט ביי דיר קריעגען זיך מיט דער פרוי?

— יאָ. אָט אזוי קריעגט זיך משה! משה איז ניט ווי אלע מענשען. משה, אז ער קושט זיך מיט זיין פרוי, הייסט דאָס, אז ער קריעגט זיך מיט איהר.

די פרוי האָט געלאכט.

— נפתלי! — האט ער א געשריי געטהאַן צו דער פרוי — הער אויף צו לאכען! איך וועל מאכען א סקאנדאל!

— משה! — האב איך איהם א טאַרע געטהאַן ביים האנד — אויב דאס הייסט ביי דיר קריעגען זיך, טא וואס הייסט שוין ביי דיר ל י ע ב ע ן זיך?

— ליעבען זיך, הייסט ביי מיר, ווען איך דערלאנג איהר קלעפּ!

— ביזטו דאך משוגע?

— בין איך! משה האט זיך פיינט צו פיהרען ווי די מאדזשא־ריטי פיהרט זיך; איך פייף אויף דער מאדזשאריטי!

האב איך א שמייכעל געטהאַן און ארוים פון הויז.

משה האט מיר נאָכגעשריען: „העלאָ, קאָוונער, וואס מאכט דיין אידענע?"

מיט א וואך שפעטער, בעת אין דרויסען האט געגאסען א שרעק־ליכער רעגען און טייכען וואסער האבען אָנגעפילט די גאסען און די קעלערס, פונקט דאן האב איך געטראָפען אין גאס משה'ן ארומגעהן אהן א רעגען־שירם

ער איז געווען דורכגעווייקט ביז'ן ביין; ער האט אויסגעזעהן ווי א קאץ וואס מען שלעפּט ארויס פון א ברונעם וואסער.

— גוד באי, קאָוונער! — האט משה אויסגערופען שטארק צופריעדען — וואו געהסטו?

— איך געה אין דער רעדאקציע!

— היינט ארבייטען? — האט משה אויסגערופען — היינט?

— וואס איז דען היינט אנדערש ווי אלע טעג?

— ווייל היינט גיסט א רעגען — האט משה געענטפערט.

— טא איז וואס?

— גאר ניט. אין א רעגענדיגען טאג האב איך פיינט צו אר־בייטען; אין אזא טאג ווי היינט געה איך ארום איבער די גאסען שפּאציערען.

— און ווען געהסטו ארבייטען?

— אין א שעהנעם טאג. ווען די זון שיינט, ווען דער הימעל

אין בלוי, זיץ איך אין שאפ און איך ארבייט, און איך בעט ביים באָס, ער זאָל מיך לאָזען ארבייטען אָווערטיימ.

דער רעגען האָט געגאָסען, דער ווינד האָט געדרעהט און געפלאַכטען אין דער לופטען גראָבע וואסער־שטריק... איך האָב משה'ן געהייסען ארונטערגעהן אונטער מיין אמברעלא, אָבער ער האָט ניט געוואָלט. אין אזא טאָג, האָט ער געזאָגט, האָב איך פיינט צו יוזען אן אמברעלא. דאָס טהוט די מאדזשאריטי, אָבער ניט איך.

— טאָ קום כאָטש אריין ערגעץ אין א האָלל, אָדער אונטער א דאך.

— ניט נויטיג.

ביים געזעגענען זיך, האָב איך געפרעגט משה'ן וואָס ער דענקט צו טהאָן דעם גאנצען טאָג.

— איך וויים נאָך ניט: אָדער איך וועל אוועק אין בראנקס פארק, אָדער איך וועל נעהמען די קאר און אוועק אין קוני איילאנד. איצטער וועל איך אריינגעהן אין א רעסטאָראנט און אָפּעסען וועטשערע.

— איצטער וועטשערע? דו מיינסט אודאי ברעקפעסט?

— נעווער מיינד, וואָס איך מיין! אז איך זאָג וועטשערע מיין איך וועטשערע.

— וואָס זשע עסטו ביינאַכט?

— ביינאַכט עס איך ברעקפעסט.

— משה, דו ווערסט וואָס אמאָל מעהר משוגע!

— ווער איך.

— משה, זיי מיר געזונד, איך מוז לויפען אין רעדאקציע.

אבגעגאנגען עטליכע טריט, האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזעהן משה'ן נעהמען א קאר וואָס לויפט אין קוני איילאנד.

# משה׳ן איז קאלט.

דאס איז געווען שבת, דעם ערשטען יוני. אזא הייסער שבת, אזא שטיקענדער שבת איז שוין לאנג ניט געווען. די צייטונגען האבען געשריבען, אז דאס איז געווען דער הייסעסטער טאג זייט די לעצטע 36 יאהר.

קורץ, איך האב זיך געשראקען, אז די היץ זאל ניט פארברענען דעם דאזיגען שבת אויף קויהל.

פאלט מיר איין ארויפצוגעהן צו משה קאפויר. זעהן וואס מיין בעריהמטער לאנדסמאן טהוט אין אזא הייסען טאג.

צוקומענדיג צום הויז, האב איך משה׳ן געטראפען זיצען אין דרויסען אויפ׳ן סטופ, אנגעפעלצט ווי אין מיטען ווינטער אין די גרויסע פרעסט.

אויפ׳ן קאפ האט ער געטראגען א קאראקולנע היטעל ארונ־טערגערוקט איבער די אויערען און אויף די שיך — ווארימע קאלא־שען אויסגעבעטט פון אינוועניג.

ער איז געזעסען און אריינגעהויכט אין די הענד.

— גוד באי, קאוונער! — האט ער אויסגערופען אויף זיין שטיי־נער — וואס מאכסטו?

— ס׳איז הייס! — האב איך אויסגערופען, און מיט׳ן ארבעל אבגעווישט דעם שוויים פון פנים.

— עט! — האט ער א זאג געטהאן — דאס הייסט ביי דיר היים? מיר איז גאר קאלט! ווען ס׳וואלט געווען קויהלען אין הויז, וואלט איך געמאכט דעם אויווען.

עס האבען זיך אבגעשטעלט א סך מענשען מיט רויטע צופא־רעטע פנים׳ער, מיט די רעקלאך אויף די הענד, אהן קאלנערס, און מיט שטרויענע קאפעלושען האבען זיי זיך געפאכעט.

האט זיי משה גערופען „ווילדע אינדיאנער" און זיי חושד גע־וועז, אז זיי בעלאנגען צו דער מאדזשאריטי, און אז זיי זיינען זעהר ווייט פון פראגרעס.

— וואס דענקסטו היינט צו טהאן? — האב איך געפרעגט משה'ן.

— איך ווייס נאך ניט. ווען עס וואלט ניט געווען שבת, וואלט איך אוועק אין א טערקישע באד. אין אזא טאג ווי היינט איז זעהר גוט א טערקישען באד. מען דערווארעמט זיך א קאפ די ביינע. אויב ס'וועט מארגען זיין אזא טאג ווי היינט, וועל איך געהן אין א שוויץ.

דער זייטיגער עולם האט זיך געקאטשעט פאר געלעכטער.

איינער האט בעמערקט, אז דאס מוז זיין א משוגענער; א צווייטער האט גערדונגען, אז דאס איז א „קרענק"; א דריטער האט איהם דערקענט נאך די פיקטשור און ערקלעהרט די אנדערע, אז דאס איז משה קאפויר.

— אט דאס איז ער? אויב אזוי ווייסען מיר שוין! מיר האָ־בען א סך געלעזען וועגען איהם!

דאס געזעמעל איז אלע ווילע געווארען געדיכטער און די היץ שטארקער און משה איז זיך געזעסען אויפ'ן סטופ און — זיך ארייגגעהויכט אין די הענד.

— משה! — האב איך אויסגערופען — דו הויכסט זיך אריין אין די הענד און פון פנים קאפען דיר טראפענס שוויים. טהו כאטש אויס דעם סוועטער!

— ניט דיינע ביזנעס! — האט משה געענטפערט שטרענג — איך פרעג ביי דיר ניט!

איך האב איהם פערלאזען און ער האט מיר נאכגעשריען הויך אויפ'ן קול:

— העללאו, קאוונער! וואס מאכט דיין אידענע מיט די קינ־דער?

## משה מאַרטשט דעם ערשטען מאי.

— גוד באי, קאָוונער! גרים דיין אידענע מיט די קינדער!
אַט אזוי האָט מיך משה קאפויר בעגעגענט לעצטען ערשטען מאי, ניין אַ זייגער אין דער פריה.
ער איז געגאַנגען אויסגעפוצט יום טוב'דיג.
— וואו געהסטו, משה?
— איך געה מאַרטשען.
— דו האלסט אויך פון ערשטען מאי? אויב אזוי, ביזטו דאָך אַ מענש גלייך מיט אַלעמען.
— וואָס הייסט?
— פערלאָז זיך אויף משה'ן!
— דאס הייסט, מאַרטשען וועל איך טאקע, אבער ניט ווי אַלע מאַרטשען.
— ווי דען וועסטו מאַרטשען?
— קום, וועסטו זעהן.
איך האָב זיך ניט געפוילט און מיטגעגאַנגען.
מיר זיינען צוגעקומען צום ראַטגערס סקוועער. דאָרטען האָט ער זיך אריינגערוקט צווישען אַ גרופּע ארבייטער וואָס זיינען געשטאַנען מיט זייערע פאָהנען און מוזיק און געוואַרט אויף דעם בעפעהל פון די פיהרער.
— משה, וואָס דענקסטו צו טהאָן?
— ניט דיין עסק, קוק און שווייג!.
דער מאַרטש האָט זיך אָנגעהויבען. ארבייטער פון פערשיע־דענע טריידס זיינען געגאַנגען מיט פרעהליכע פנים'ער, מיט יום־

טוב׳דיגע הערצער און מיט פרייד אין די אויגען. די פאהנען האבען געפלאטערט, די מוזיק האט געשפיעלט די מארסעליעזע — דאס ליעד פון פרייהייט — די ארבייטער האבען מארשירט צום טאקט פון דער מארסעליעזע און האבען מיטגעזונגען.

דער איינציגער וואס איז געגאנגען ניט ווי אלע, איז געווען משה. ער איז געגאנגען אויף הינטער־ווייליעכטס, דאס הייסט מיט דער פלייצע צום פראנט, און געזונגען האט ער „כל נדרי״ מיט׳ן יום כפור׳דיגען ניגון און דאן די „יעלות״...

ביי די יעלות האט ער זיך אזוי צוויאמערט, אז ס׳האט אזש גע־ריסען ביים הארצען.

אט אזוי האט משה קאפויר געמארטשט פאר־א־יאהרען דעם ערשטען מאי.

איינער א יונגער ארבייטער, מיט א באנער אין האנד, האט איהם געפרעגט, למאי ער מארטשט פערקעהרט, האט ער געענטפערט, אז ער האט פיינט צו מארטשען ווי די מאדזשאריטי מארטשט; ער האסט די מאדזשאריטי!

נאך די „יעלות״ האט ער גענומען זינגען „אין בית המקדש אין א ווינקעל־חדר, זיצט די אלמנה בת ציון אליין...״

ער זינגט און דער עולם קייכט פון געלעכטער.

פלוצים פערלאזט ער די רייהען פון די מארטשערס און לויפט ארויף אויפ׳ן סיידוואק.

— א גאנץ יאהר געהסטו אין מיטען גאס, גלייך מיט די קאר־טרעקס, און היינט — ווען מען דארף מארטשען, געהסטו אויפ׳ן סיידוואק?

— אט אזא מענש בין איך! — האט משה אויסגערופען שטאלץ.

און משה קאפויר האט אזוי געמארטשט אויפ׳ן סייד־וואק מיט דער פלייצע צום פראנט און אויסגעזונגען א וועלט מיט ליעדער. ליעדער, וועלכע פאסען זיך אזוי פאר דעם ערשטען מאי, ווי איך פאס זיך צו זיין א בעל חוב...

## משה׳ס משוגעת׳ן.

אונזער העלד, משה קאפויר איז, ווי איהר ווייסט, א גרויסער להכעיס׳ניק: ער געהט געגען דער גאנצער וועלט און טהוט אלץ קאפויר: ער זיצט שמונה עשרה און שטעהט שבעה; פורים פאסט ער און יום כפור עסט ער; צו א חופה וויינט ער און צו א לויה לאכט ער; פסח עסט ער ברויט און סוכות עסט ער מצות; אין קאר גיט ער אלע מאל אוועק זיין סיט צו א מאן, ניט צו קיין פרוי; דארף ער פאהרען א י ן הארלעם, נעהמט ער עקסטרא די קאר, וואס געהט פ ו ן הארלעם.

אט אזא להכעיס׳ניק איז דער דאזיגער משה!

לעצטען זונטאג האב איך איהם געטראפען אין פיטקען עוועניו, בראנזוויל. דאס רעקעל זיינס האט ער געטראגען איבערגעקעהרט אויפ׳ן לינקען זייט.

ווי נור ער האט מיר דערזעהן, האט ער באלד א געשריי גע־טהאן:

— גוד באי! גוד באי! וואס מאכסטו?

— וואס זאל איך מאכען? איך בין פרעהליך. און וואס מאכסטו?

— איך פייף אויף דער וועלט! איך פיהר זיך מיר ווי מיר גע־פעלט און דאטסאל. אלע מענער געהען ארבייטען און ווערען פער־שווארצט אין די שעפער און גיבען זייערע ווייבער און קינדער עסען און קליידער און שלאפען. איך זיץ אין דערהיים און מיין ווייב געהט ארבייטען און זי גיט מיר עסען און טרינקען.

אַלע מענער זיצען זומער אין דערהיים און שיקען די פרויען אין קאַונטרי, און ביי מיר, אַז ס'קומט זומער, פאָהר איך אין קאַונטרי און מיין ווייב זיצט אין דערהיים.

אַלע מענער לעבען אָפּ מיט איין פרוי אַלע זייערע יאָהרען, און איך האָב שוין, אַ דאַנק דעם אויבערשטען, די דריטע פרוי.

— זיי זיינען געשטאָרבען ביי דיר?

— וואָס געשטאָרבען, ווען געשטאָרבען! אַ שעהן פּנים וואָל־טען זיי געהאַט, זיי זאָלען שטאַרבען! זיי זיינען ניט קיין גרינע די פרויען מיינע! זיי ווייסען, אַז פון שטאַרבען קומט קיין געזונד ניט צו.

— ווי זשע רען ווערטסו פּטור פון זיי?

— איך גיב זיי גט... ניטאָ קיין בעסער זאַך אויף דער וועלט ווי גט'ען אַ ווייב. דער איד וואָס האָט אויסגעטראַכט דאָס גט'ען זיך, איז געווען אַ סך קליגער פון עריסאָן'ען. איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת. איך דענק, אַז דאָס וואָס מען האָט פריהער חתונה און נאָכהער גט מען זיך, איז ניט ריכטיג; עס וואָלט געדאַרפט זיין קאַ־פּויר: פריהער זאָל מען זיך גט'ען און שפּעטער זאָל מען חתונה האָבען. אויב גאָט וועט מיר שענקען דאָס לעבען, וועל איך דאָס נאָך איינפיהרען אויך. פונקט ווי איך האָב איינגעפיהרט ביי טאָג צו שלאָפען און ביינאַכט ארומצוגעהן אין די גאַסען. איצט האַלט איך אין ארבייטען אויף אַ „פּעטענט". אַז אַ מענש זאָל ניט דאַרפען ליגען אויף איין אָרט בעת ער שלאָפט. איך וויל, אַז ער זאָל קענען אויף זיין און האַלטען אָפען די אויגען און ארומלויפען אין די גאַסען און האַווען, שמייען, האַנדלען, ארבייטען, לעזען און פאָהרען און צו דער זעלבער צייט שלאָפען. מיט דער צייט וועל איך דאָס אויס־פיהרען. אָט געהט, למשל, צו שבועות. אַ שעהנער אידישער יום טוב. מ'קען זאָגען דער שעהנסטער. געפעלט מיר אָבער ניט דער מנהג פון עסען מילכיגס. איך האָב פיינט אַ מילכיגען יום־טוב. און דאַרפאַר האַלט איך טאַקע ניט פון'ם מנהג. אַז ס'קומט שבועות טאָר ביי מיר אין הויז ניט אַריינקומען קיין טראָפּען מילך, קיין

ברעקעל קעז, קיין לעק פּוטער. נור פליישיגס — אדער רינד־פליִיש, אדער קאלב־פליִיש אדער טשיקען.

און אז איך האב ניט קיין פליִיש, רייס איך שטיקער פון מיין ווייב; אבי פליִיש!

דערפאר, אז ס'קומט שמחת תורה, עסען מיר מילכיגס: קרעפּ־לעך מיט קעז; ברייטע לאקשען מיט פּוטער; לאקשען און מילך. אפילו הערינג קויף איך מיט א מילך.

# משה סטרייקט.

— גוט באי, קאוונער, גרים דיין אידענע!

— וואס מאכסטו, משה?

— איך סטרייק.

— וואר־זשע געהסטו?

— איך געה פיקעטען דעם שאפ.

— דאס טהוען דאך אלע סטרייקער, טא מיט וואס־זשע ביזטו אנדערש ווי אלע? ביי דיר דארף דאך זיין קאפויר?

— איז טאקע!

— מיט וואס?

— מיט דעם וואס איך פיקעט ניט מ י י ן שאפ, נור אן אנדערען. איך סטרייק ביי שניידערריי און פיקעטען פיקעט איך א שאפ, וואו מען מאכט ליולקעס.

— ביזטו דאך א משוגענער.

— בין איך!

דאס איז געווען דינסטאג. מיטוואך האב איך איהם ווידער געטראפען.

— העללאו, משה!

— גוד באי!

— וואו געהסטו?

— סעטלען דעם סטרייק.

— מיט וועמען געהסטו?

— אליין.

— דענקסטו, משה, אז דער באס וועט מיט דיר סעטלען?

— ער'ט מוזען סעטלען!

— פאר וואס וועט ער מוזען ?

— ווייל איך וועל איהם שטעלען אזעלכע פאדערונגען, וואס ער וועט זיכער אננעהמען!

— למשל !

— ערשטענס, וועל איך פערלאנגען צעהן שטונדען ארבייטס־טאג.

— וויפיעל האסטו פריהער געארבייט ?

— אכט.

— וואס נאך וועסטו פערלאנגען ?

— איך וועל פערלאנגען אכטצעהן דאלאר א וואך.

— וויפיעל האסטו פריהער גענומען ?

— איין און צוואנציג.

— וואס נאך וועסטו פערלאנגען ?

— א האלבע שעה פאר דינער.

— וויפיעל האסטו פריהער געהאט ?

— א גאנצע שעה.

— וואס נאך וועסטו פערלאנגען ?

— ווייטער וועל איך גאר ניט פערלאנגען. אבער איך דענק, אז די אויסגערעכענטע פאדערונגען זיינען גענוג, אז ער זאל זיך מוזען אונטערגעבען. וואס דענקסטו ?

— איך דענק אויך אזוי.

— וואס נאך הערט זיך ?

— ווייטער האב איך ביי מיר אין הויז איינגעפיהרט א נייעס.

— וואס פאר א נייעס ?

— מיט מיין געלעגער.

— וואס מיינסטו ?

— איך מיין, אז איך שלאף ניט איצט ווי עס שלאפט די מאַדזשאריטי. איך פייף אויף איהר !

— וואס האסטו צו איהר ?

— איך האב פיינט צו זעהן ווי די מאדזשאריטי שלאפט.

— ווי שלאפט זי?

— זי לייגט אוועק דעם ספרינג אויפ'ן בעט, דעם מאטראץ אויפ'ן ספרינג און א ליילעך אויפ'ן מאטראץ און דאן ערשט די קאלדרע.

— און ווי איז ביי דיר?

— ביי מיר איז קאפויר: צוערשט לייג איך אוועק די קאלדרע, דאן א קישען, נאכ'ן קישען דעם מאטראץ און אויפ'ן מאטראץ — דעם ספרינג.

— און אזוי שלאפסטו?

— ניין. איך שלאף גאר אונטער'ן בעט.

— וואו איז דער שכל?

— איך דארף ניט קיין שכל.

איך האב געשמייכעלט, דאן האט מיין שמייכעל געבארען א לאך.

# משה זוכט לאנדסלייט.

„דער זייגער איז בלאה און דער הימעל איז צוועלף—“

מיט די ווערטער האט מיך משה קאפויר נעכטען בעגעגענט אין גאס.

— וואו געהסטו, משה?

— איך געה אויפזוכען לאנדסלייט.

— וואס דארפסטו די לאנדסלייט?

— איך וויל זיי בעטען, אז זיי זאלען ביי מיר לייהען עטליכע דאלאר.

— משה, וועלכער משוגענער געהט דאס ארום פערלייהען געלד צו לאנדסלייט!

— איך בין אזא משוגענער! און טאמער וויל מען ביי מיר ניט לייהען, ווער איך אין כעס. מיינער א בעקאנטער פלעגט ביי מיר יעדען מאנטאג לייהען א דאלאר. פלוצלונג האט ער אויפגעהערט ביי מיר צו לייהען און אנגעהויבען לייהען ביי אן אנדערען. האב איך איהם דערפאר ניט אויסגעזידעלט. איך האב איהם גערופען זשוליק און שווינדלער און אידיאט! אט אזא מענש בין איך!

— און ווי וועט זיין, אז די לאנדסלייט וועלען ביי דיר נים וועלען לייהען קיין געלד?

— וועל איך מיט זיי מעהר נים רעדען.

משה האט מיך געבעטען, אז איך זאל מיט איהם נעהמען א „וואק“, וועט ער מיר עפעס דערצעהלען.

האב איך אנגענומען זיין איינלאדונג.

פלוצים געהט ער צו צו א פאליסמאן און בעט דעם פאליסמאן, אז ער זאל איהם ארעסטירען.

פרעגט איהם דער פאליסמאן: פארוואס?

— ווייל איך האב לעצטע וואך א שפיי געטהאן אויפ׳ן וויליאמסבורג בריק.

פרעגט דער פאליסמאן:

— ווער האט געזעהן?

— קיינער נים! — ענטפערט משה — אבער אז איך זאל דיר, מעגסטו מיר גלויבען. איך האב נאך קיינמאל נים געזאגט קיין ליגען!

— כ׳קען דיך נים ארעסטירען! — האט אויסגערופען דער פאליסמאן.

— טא שלאג מיך מיט׳ן קלאב!

— איך קען דיר נים שלאגען!

— טא שטראפיר מיך כאטש מיט צוויי דאלאר.

— איך קען דיר נים שטראפירען!

— טא זידעל מיך!

האט איהם דער פאליסמאן אוועקגעטריבען.

האט ער נים געוואלט געהן.

האט איהם דער פאליסמאן דערלאנגט מיט׳ן קלאב איבער אן אקסעל און איהם געפרעגט אויב ער איז שוין צופריעדען.

— יא, — האט משה געענטפערט — איצט בין איך צופריעדען, אבער נים אין גאנצען.

— וואס נאך ווילסטו?

— איך וויל דו זאלסט מיר דערלאנגען איבער׳ן צווייטען אקסעל אויך.

— אלל־רייט, — האט דער פאליסמאן געזאגט — איך וועל דיר טהאן די טובה.

און ער האט איהם שיער נים אבגעהאקט די צווייטע אקסעל.

— איצט בין איך צופריעדען! — האט משה אויסגערופען מלא שמחה — און שעהן בעדאנקט דעם פאליסמאן.

דער פּאָליסמאַן האָט איהם נאָכגעקוקט און געלאַכט. משה האָט איהם גערופען „גרינהארן“.

— משה, — האָב איך איהם אַ טאַרע געטהאָן פאר׳ן האנד — משה, דו האָסט דאָך מיר געוואָלט עפּעס דערצעהלען?

— אַה, ניין, — האָט זיך משה דערמאָנט.

איך האָב דיר געוואָלט דערצעהלען, וואָס איך האָב נעכטען אבענד געטהאָן.

— וואָס, משה?

— איך בין אהיים געקומען איינס אַ זייגער פון אַ מיטינג. איז געווען פערשלאָסען די טהיר, און איך האָב געהאַט ביי זיך אַ סיגאַר און דעם שליסעל. האָב איך גענומען דעם שליסעל אין מויל אריין און מיט׳ן סיגאַר האָב איך געטרייעט אויפשליסען די טהיר, אָבער זי האָט זיך ניט אויפגעשלאָסען. אמעריקאנער טהירען! איך זאָג דיר, עס האָט מיך געערגערט צום טויט! אפשר דריי שעה האָב איך זיך געבאָדערט און ס׳האָט זיך ניט אויפגעשלאָסען!

— וואָס איז געווען דער סוף?

— דער סוף איז געווען, אז איך האָב געמוזט שלאָפען אין האָלל שטעהענדיג.

— אַ שעהנע געשיכטע אָבער אַ קורצע.

— אַ צווייטען מאָל וועל איך דיר דערצעהלען נאָך אַ קירצערע.

# משה רעדט וועגען מלחמה.

עלף א זייגער ביינאכט האב איך איהם אנגעטראפפען אין אטווירני סטרים.

— גוט מארגען! — האט משה אויסגערופען.

— גוט יאהר! — האב איך איהם גענטפערט.

— וואו געהסטו? — האט מיך משה געפרעגט.

— שלאפען.

— איצט שלאפען? — עלף א זייגער ביינאכט איך בין ערשט אויפגעשטאנען.

— וואו געהסטו?

— איך געה פון'ם רב.

— פון וואס פאר א רב?

— פון ר' יונה'לען. איך האב גערעדט מיט איהם וועגען דער מלחמה.

— וואס האט ער געזאגט, דער רב?

— ער האט געזאגט, אז ער וויל זיך ניט מישען אין די זאכען. נור פונדעסטוועגען איז ער זיכער, אז די מלחמה האלט שוין ביים סאמע סוף.

האב איך איהם געפרעגט, פון וואנען ער ווייסט דאס? האט ער מיר גענטפערט, אז דאס אליין וואס מ'גיט אוים אזוי פיעל ביליאנען אויף הארמאטען, ביקסען, קאנאנען און קריעגס-שיפען — אז דאס אליין וועט אוועקהרג'ענען די מלחמה!

— א קלוגער רב.

— זעהר א קלוגער! ער האט מיר אויך דערצעהלט, אז זיין אייניקעל איז קראנק געווארען. האט דער דאקטאר ערקלעהרט, אז דאס קינד ליידעט פון „דייטשע פאקען", נאר ער וויל עס ניט בע-

האַנדלען, מחמת ער איז געגען דײַטשלאַנד. און אַזוי ווי פּאַקען זײַנען דײַטשע, אַרט איהם ניט ווען דאָס קינד זאָל אפילו שטאַרבען. ער וויל ניט בעהאַנדלען קיין זאַך וואָס קומט פון דײַטשלאַנד.

— וואָס־זשע האָסטו געזאָגט? האָב איך געפרעגט משה'ן.

— איך האָב געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר האָט ריכטיג געהאַנדעלט; אַז דער דאָקטאָר איז אַ מענש מיט שכל; אַז אַזאַ דאָקטאָר איז ווערטה אַ קוש אין בעקעל. ווייטער האָב איך איהם געזאָגט, אַז פון אַלע ערפינדונגען אויף דער וועלט זײַנען די מלחמות די גײַצליכסטע ערפינדונגען, און אַז די איצטיגע מלחמה איז די שענסטע, די ערהאַבענסטע פון אַלע מלחמות! זי איז ממש אַ ישועה פאַר דער מענשהייט, אַ רעגעלער גליק! ווער שמועסט פאַר די מאַמעס, וואָס האָדעווען אויס שעהנע, געזונטע זיהן, איז די מלחמה אַ רעגעלער יום טוב! און וואויל איז דער מאַמען וואָס קען צושטייער געבען עטליכע זיהן צו דער מלחמה! דאָס איז דאָך דער גרעסטער נחת וואָס אַ מאַמע קען זיך ווינשען! איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, פריינד קאַוונער, ווען איך זאָל זײַן אַביסעל אינגער, וואָלט איך אויך אַוועק אין דער מלחמה. דאָך, ווי זאָגסטו, דער אײַנציגער פּלאַץ וואו מען קען מאַכען אַ לעבען... נאָר וואָס־זשע דען? איך וואָלט ניט געשאָסען ווי אַלע שיסען, איך וואָלט געשאָסען פערקעהרט.

— וואָס הייסט פערקעהרט?

— פערקעהרט הייסט קאַפּויר: אַנשטאָט צו שיסען אַהין, וואָלט איך געשאָסען אַהער. אויף צוריק הייסט דאָס. איך וואָלט געטרייעט מיין בעסט ניט צו דער'הרג'ענען קיין מענשען.

אַט אַזוי האָבען מיר ביידע געפּלוידערט עטליכע שעה כסדר. ערשט, אַז ס'האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט מיר משה געזאָגט אַ „גוטע נאַכט“ און ער איז אַוועק אַהיים שלאָפען.

די לעצטע צייט האָט משה אײַנגעפיהרט אַ נייעס: בעת ער געהט שלאָפען, טהוט ער זיך אָן די ברילען. מען זעהט בעסער ווי צו שלאָפען, זאָגט ער.

## משה׳ס פסח.

ארום צעהן א זייגער אין אבענד, בין איך ארויס אין האלל פער־לעשען די געז. האב איך געטראפפען שטעהן לעבען טהיר מיין לאנדס־מאן משה קאפויר.

— גוט מארגען! — האט ער אויסגערופען הויך אויף א קול — גוט מארגען, וואס מאכט עפעס דיין גוטע ליעבע פרוי, דיינע שטילע קינדערלאך?

— געלויבט דער אויבערשטער!

— איך וויל דיר טאקע נ י ט זעהן.

פערשטעה איך, אז ווען משה זאגט „ניט", מיינט ער יא.

— שוין לאנג אז דו שטעהסט אונטער׳ן טהיר?

— שוין אריבער א שטונדע.

— פארוואס ביזטו ניט אריינגעקומען?

— ווייל איך האב געדארפט פריהער אנקלאפען, און אנקלא־פען האב איך פיינט.

— וואס טהוסטו דא אזוי שפעט ביינאכט?

— איך בין דיר געקומען איינלאדען צו סדר מארגען אבענד.

— וואס פאר א סדר איז דאס מארגען אבענד? מארגען אבענד איז דאך גאר שבועות!

— ניט ביי מיר!

— משה, דו דארפסט האבען א פראפעסאר!

— דארף איך.

— משה, מען וועט לאכען פון דיר!

— וועט מען!

— הייסט דאס, משה, אז דו פראוועסט מארגען אבענד א סדר?

— ניין!
— ניין הייסט דאך ביי דיר יא?
— יא.
— צו א סדר דארף מען דאך האבען מצות.
— האב איך!
— און וויין?
— האב איך!
— און זאלץ־וואסער? און חרוסות?
— האב איך אויך.
— און וואס זאגט דיין אידענע?
— גארנים. זי קען מיך שוין; זי ווייסט, אז ווען די גאנ־צע וועלט פייערט שבועות, פייער איך פסח.
— און ווען איז ביי דיר שבועות?
— דעם צווייטען טאג ראש השנה.

משה האט זיך אוועקגעזעצט און גענומען לעזען א צייטונג. אבער ניט ווי אלע מענשען, נור פערקעהרט: מיט'ן קאפ אראפ.

— משה, דו האלסט דאך פערקעהרט די צייטונג; קעהר איהם איבער.

— ניט משה איז דער מענש איבערצוקעהרען א צייטונג.
— אבער אזוי קען מען דאך ניט לעזען.

דא איז אונטערגעקומען מיין באיטשיק און איהם אונטערגעג־צונדען די צייטונג.

דער פלאם האט דערגרייכט משה'ס בערדיל און דאס בערדיל איז אוועק מיט'ן רויך.

משה האט דערפאר מיין באיטשיק א קוש געטהאן אין שטע־רען און איהם געגעבען א ניקעל פאר מואווינג פיקטשורס.

א פרעהליכער משה!

# משה ווערט אַרעסטירט.

צוויי א זייגער בייטאָג, בעת די זון האט געשיינט און געקושט די ערד מיט גילדערנע קושען — האָב איך געטראָפען מיין לאנדס־מאן משה קאפויר ארומגעהן אין אמוירני סטריט מיט א לאנטערנע אין האנד.

— העללאָו, משה!

— גוד באי! — האט ער מיר אָבגעענטפערט זעהר פריינדליך

— גוד באי, קאָוונער, וואס מאכט מען עפעס ביי דיר אין הויז?

— גאנץ גוט.

— דאס איז שלעכט! — האט משה געענטפערט מיט א זיפץ.

— משה, וואס געהסטו עפעס איצט ארום מיט א לאנטערנע אין האנד?

— ווען דען זאָל איך ארומגעהן מיט א לאנטערנע, ביינאכט, ווען ס'איז שטאָק־פינסטער?

— איצט שיינט דאָך אָבער די זון?

— זאָל זי שיינען, ווער לאָזט איהר ניט?

— מען וועט דאָך לאכען פון דיר.

— ווער מען!

דאָ איז צוגעקומען א פאָליסמאן און משה'ן ארעסטירט. ער האט אנגענומען משה'ן פאר א משוגענעם.

איך בין מיטגעגאנגען אין סטיישאן־הויז.

פאר'ן קעפטען האט זיך משה פערטהייגט מיט דער פלייצע.

דער קעפּטען האט געלאכט און געפרעגט דעם פאליסמאן למאי ער האט איהם ארעסטירט.

— ער גשהט ארום אין מיטען העלען טאג מיט א לאנטערנע אין האנד — האט דער פאליסמאן ערקלעהרט און אנגעוויזען אויף משה'ן מיט זיין לאנטערנע.

דער קעפטען האט בעטראכט משה'ן פון אויבען ביז אראפ און איהם געפרעגט פאר וואס ער טהוט האס.

— איך זוך מיינעם א לאנדסמאן! — האט משה געענטפערט — איך האב ביי איהם געליהען צעהן דאלאר, וויל איך איהם אבגעבען זיין חוב, ווייס איך ניט וואו ער געפינט זיך. פון די אלטע רומס האט ער ארויסגעמופט.

— אבער צו וואס טויג דיר די לאנטערנע?

— אפשר וועל איך איהם גיכער אויסגעפינען — האט משה געענטפערט — האד ליכטיגער!

— ווי וועט זיין, אז איך וועל דיר שטראפירען מיט דריי טעג זיצען?

— וועט ניט זיין קיין סך! — האט משה געענטפערט.

האב איך זיך אנגערופען צום דזשאדזש: מיסטער דזשאדזש, דער מאן וואס שטעהט דא פאר אייך, איז זעהר א בעריהמטער מענש; זיי נאמען איז בעקאנט צו א ל ע אידען פון אמעריקא; זיין בילד איז אויסגעהאנגען אין אלע שעפער, וואו אידישע אר־בייטער ארבייטען; ער איז ניט קיין משוגענער, ער געהט בלויז געגען דער „מאדזשאריטי", ער וויל זיין אריגינעל. איך זעה ניט איין דעם יושר איהם צו שטראפירען מיט דריי טעג".

האט איהם דער קעפטען בעפרייט.

ארויסגעהענדיג פון סטיישאן־הויז, האט מיך משה געזידעלט, למאי איך האב איהם ריינגעוואשען.

פלוצים איז געווארען א געלויף אין גאס. פון אלע זייטען זיי־נען מענשען געלאפען צו דילענסי סטריט.

— משה, לאמיר אויך לויפען, ס'האט אודאי עפעס פאסירט אן אונגליק.

— נא סער, איך לויף ניט.

— פאר וואס?
— ווייל אלע לויפען.
און מיר אויך צו להכעיס, האט ער גענומען גײן לאנגזאמער...
דא איז שוין פון דילענסי סטריט צוריקגעלאפען א מאן.
— וואס האט פאסירט? — האט איהם משה געפרעגט.
— א פערד איז געפאלען אין גאס, האט עס א פאליסמאן געשאסען.
האט משה געענטפערט צום פרעמדען:
— גם אתם!
האט עס דער פרעמדער אנגענומען פאר א שטארקע בעליידיגונג און אריינגעפאהרען משה'ן אין באק.
דער מאן איז אנטלאפען און משה איז געבליבען שטעהן מיט'ן פאטש אויפ'ן באק.
שפעטער, ווען איך האב איהם צוגעפיהרט צו זיין הויז, האט ער מיך געפרעגט וויפיעל עס קאסט אריינצוגעהן אין ארבייטער רינג.
— וואס טויג דיר ארבייטער רינג?
— איך וויל ווערען א מעמבער און טרייען אבצושאפען די סיק בענעפיטס, די לעקטשורס, די טויטען־בענעפיטס און דעם סאניטאריום... אז מען וועט, זאגט ער, אט די פיער זאכען אבשאפען, וועט דער ארבייטער רינג בליהען און וואקסען און האבען א רעכט צו עקזיסטירען...

# משה'ס איינפעלע.

לעצטען דאנערשטאג האָט מיר דער ווינד ארונטערגעבלאָזען דאָס היטעל פון קאָפּ. האָב איך קיין סך ניט געטראכט און גענו־מען נאָכלויפען נאָכלויפען כאַפּען דאָס היטעל. פון אָנהויב האָט זיך דאָס הי־טעל געקייקעלט אין מיטען גאַס ווי א רעדעל. עס איז געלאָפען א סך שנעלער ווי א בראָנזווילער טריין... שפּעטער האָט זיך דאָס היטעל פּערקירעוועט אַן א זייט און עס איז ארונטער אונטער אַן עקספּרעס־וואגען, און די פערד האָבען עס מיט די פיס אזוי צו־קנייטשט, אז איך האָב עס שוין ניט דערקענט. עס האָט אויסגע־זעהן ווי א הארמאָניק.

ווי איך שטעה אזוי אין געהאקטע וואונדען און בעדויער דעם סוף פון מיין היטעל, דערהער איך הינטער מיינע פּלייצעס א בע־קאַנטע שטימע:

— גוד באַי!

איך קוק זיך אום — משה!

— וואָס מאכסטו, משה? האָסט שוין א דזשאָב?

— נאָך ניט. אָבער איך דאַרף ניט אַרבייטען. איך בין ניט געקומען אין אמעריקא ארבייטען.

ער האָט מיך אָוועקגעשלעפּט.

געהענדיג האָט ער מיר דערצעהלט, אז ער האָט זיך היינט גע־קריגט מיט זיין פרוי.

— פאר וואָס?

— ווייל איך האָב זיך גענומען פּיקטשורס מיט דער פּלייצע פון פּאַרענט, דאָס הייסט מיט די בעק.

— וואו האסטו די פּיקטשורס?

— איך האב זיי אויסגעטהיילט צו מיינע פריינד און צוויי האב איך אוועקגעשיקט אין באלטימאר צו מיינעם א ברודער. האט מיר דער ברודער צוריקגעשיקט די בילדער; ער שרייבט מיר, אז ער קען מיך אויף די בילדער ניט רערקענען, איך זעה גאר ניט אויס, זאגט ער, ווי זיינער א ברודער... און מיין פרוי טענה'ט אויך דאס אייגענע... האב איך זיך מיט איהר דערפאר געקריעגט.

— פאר וואס האסטו טאקע ניט גענומען די בילדער ווי אלע מענשען, מיט'ן פּנים פון פארענט?

— וואס גלייכסטו מיר צו אלע מענשען? „אלעמאי" אין טהעאטער? אז איך געה אין טהעאטערי זיץ איך אויך מיט דער פּלייצע צום סטיידזש און מיט'ן פּנים צום טהיר.

— זעהסט דאך גאר ניט?

— איז ניט. וואו שטעהט דאס געשריבען, אז מען געהט אין טהעאטער מוז מען אלעס זעהן? אט אזא מענש בין איך!

ער האט מיר אויך דערצעהלט, אז ער האט א פּלאן ווי אזוי צו געהן אין טהעאטער אומזיסט.

— ווי אזוי?

— גאר פּשוט: איך געה אוועק צום טהעאטער און ווארט ביז עס הויבט זיך אן דאס שטופּעניש, נעהם איך זיך אויך שטופּען; שטופּ איך זיך אזוי לאנג, ביז איך דערשטופּ זיך צום אריינגאנג; פרעגט מיך דער טהיר־שטעהער אויב איך האב א טיקעט, זאג איך: ניין! לאזט ער מיך ניט אריין; געה איך אהיים מיט גאר ניט. הייסט דאס ניט געגאנגען אומזיסט?

איינמאל האב איך משה'ן געטראפען פאהרען אויף א דריטע עווענין קאר.

— וואוהין פאהרסטו? — האב איך איהם געפרעגט.

— אין די בראנקס! — האט מיר משה געענטפערט.

— די קאר געהט דאך גאר צו ברוקלין־בריק.

— איך וויים — ענטפערט משה — אָבער אַזאַ מענש בין איך. ווען איך דאַרף פאַהרען אין די בראָנקס, נעהם איך אַ קאַר וואָס געהט צו ברוקלין־בריק.

— דו ווערסט דאָך אָבער מיט דער קאַר קיינמאָל ניט דערגרייכען בראָנקס?

— ווער מען אַרט עס?

# משה געהט וואוטען.

משה קאפויר, ווי איהר ווייסט, זאגט שמחת תורה די קינות, תשעה באב מאכט ער הקפות, פסח עסט ער אין סוכה און סוכות — עסט ער מצות.

איהר ווייסט אויך, אז ער זיצט שמנה עשרה און שטעהט שבעה, אז צו א חתונה וויינט ער און צו א לויה טאנצט ער, יום כפור עסט ער מילכיגע קרעפלאך; כורעים פאלט ער מיט'ן בויך ארויף און שלאפען שלאפט ער מיט אפענע אויגען.

איהר ווייסט אויך, אז ער האלט פון חתונה האבען. אויב יא חתונה האבען, איז גלייכער זיך פריהער צו גט'ן.

נעכטען האב איך איהם געטראפען ריידען מיט אן אייז־מאן. ער האט ביי דעם אייז־מאן בעשטעלט אייז אויף ווינטער.

— ביזטו משוגע, משה? היינט, ווען דער ווינטער שטעהט ביים שוועל, ווען דער הערבסט מאכט שוין רויט די מענשליכע נעזער, היינט בעשטעלסטו אן אייז־מאן? היינט דארף מען דאך בעשטעלען קויהלען!

— אזוי פיהרט זיך די וועלט — האט מיר משה געענטפערט — אבער ניט איך. איך האב געיוזט קויהלען פון דעם ערשטען מאי ביז ראשה השנה, און דאס איז פלענטי; היינט דארף מען יוזען אייז ביז מען וועט דערלעבען פסח. פסח וועל איך סטאפען און ווידער אנהויבען צו יוזען קויהלען.

— אבער וואו איז דער שכל? — פרעג איך.

— דער שכל ליגט אין דעם, וואס זומער איז קויהלען ביליגער און ווינטער איז אייז ביליגער.

פארטיג געווארען מיט'ן אייז־מאן, איז ער מיט מיר אוועק אין א סטאר קויפען פליעגען־פאפּיער און „סקרינס" פאר די פענסטער.

— איך יוז א גאנץ ווינטער פליעגען־פאפּיער. דאס אייגענע איז אויך מיט „סקרינס". ווען אלע נעהמען ארויס די „סקרינס", דאן שטעל איך זיי אריין.

אט אזא מענש בין איך.

פון דעם סטאר איז ער אוועק מיט מיר אין ריווינגטאן סטריט און איינגעהאנדעלט אויף א פּושקארט פאר זיך דינע אונטערוועש און דינע זאקען.

— וואס טראגסטו זומער? — פרעג איך משה'ן.

— זומער טראג איך וואלענע אונטערוועש מיט וואלענע זא־קען.

— זעהר פיין. און וואס הערט זיך מכּח עלעקשאן? פאר וועמען וועסטו וואוטען?

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, קאוונער.

— ד יי ן אמת, — זאג איך, — איז אודאי א ליגען. מחמת ביי דיר איז דאך אלעס קאפויר. בעסער זאג מיר א ל י ג ע ן, וועל איך וויסען, אז ס'איז דער ריינער א מ ת.

— אלל־רייט, וועל איך דיר זאגען א ליגען: איך וואוט קיינ־מאל ניט דאן ווען אלע וואוטען. איך וואוט אימער מיט א טאג שפּעטער. דאס הייסט, אויף מארגען נאך עלעקשאן. איהר אלע וועט וואוטען דעם ז י ע ב ע ט ע ן נאוועמבער און איך וועל וואוטען דעם א כ ט ע ן נאוועמבער.

— סטייטש, וואו איז דאס געהערט געווארען אזא זאך? אויב מען שטימט ניט אין דעם ריכטיגען טאג, האט דאך דער וואוט אויף מארגען גאר קיין ווערטה ניט.

— דאס וויים איך. אבער מיך ארט דאס ניט. איך האב פיינט צו וואוטען ווען א ל ע וואוטען!

# וואָס משה האָט ליעב.

ביים א מאסקעו־באַל האב איך משה'ן געטראָפען. אבער ניט אינסייד, נאר אויטסייד, ביים אריינגאנג.

— האסט ניט קיין טיקעט? — פרעג איך איהם.

— איך האב א טיקעט. נאר אריינגעהן אינווייניג וועל איך ניט; איך האב פיינט נאַכצומאַנצעו די וועלט. ווייל אלע געהען אריין, וועל איך בלייבען אין דרויסען!

האב איך איהם א שטאַרקען ציה געטהאן פאר'ן האנד און איהם מיט געוואלד אריינגעשלעפט אין האַל.

אבער משה בלייבט משה: איז ער געגאנגען און זיך באלד אוועקגעזעצט מיט'ן פנים צו דער וואנד.

— וואס קוקסטו ניט אויף די מאסקעס? האב איך איהם גע־פרעגט.

— כ'וויל ניט.

— פאר וואס?

— ווייל אלע קוקען. איך האב פיינט נאַכצומאַנצען די וועלט.

אז איך געה אין מואווינג פיקטשורס, דאָרט זיצ איך אויך מיט'ן פנים צום טהיר.

— טא ווי קענסטו זעהן וואס עס געהט פאר אויפ'ן לייוועגד?

— זעה איך טאקע ניט.

— טא צו וואס געהסטו?

— גלאַט אזוי זיך.

— ס'קאסט דאך געלד?

— קאסט.

— דו פּטור׳סט דאָך צייט?

— פּטור איך!

— וואָס טהוסטו ווען דו גערסט צו אַ לעקטשור?

— פערשטאָפּ איך זיך די אויערען מיט וואַטע. איך האָב פיינט צו הערען לעקטשורס. סיידען דער לעקטשורער איז אַ זשור־ליק און בלאָפט אָב דעם עולם און קומט ניט רעדען. איך גלייך זעהר צו זיצען ביי אַ לעקטשור און הערען פאַרלעזען אַ טעלעגראַמע „אַז דער לעקטשורער קען ליידער ניט קומען לעקטשורען, מחמת ער האָט זיך שטאַרק פערקיהלט און ער הוסט". וואָס דאַרפסטו מעהר? אָט האָט מיר מיין באָס געוואָלט געבען אַ „רייז", האָב איך ניט געוואָלט נעהמען. „מוחל, מוחל!" — האָב איך איהם גע־ענטפערט.

— פאַר וואָס?

— ווייל אַלע האָבען גענומען. פערקעהרט, איך האָב איהם נאָך ארונטערגעלאָזען אַ טולער מיט אַ קוואָדער פון די אַלטע ווײדזשעס.

מיט עטליכע וואָכען צוריק, בעת אין דרויסען האָט געצופּט אַ שרעקליכער פראָסט, און אַ ווינד האָט געדרעהט דעם שנעע אין דער לופטען, און אַלע מענשען אין גאַס זיינען געגאַנגען געבויגען אין דרייען פאַר קעלט — פּונקט דאַן — האָב איך בעגעגענט משה קאַפּויר אין העסטער פּאַרק זיצען אויף אַ באַנק גאַנץ זומערדיג: ער האָט געטראָגען אַ שטרוי העט, אַ ווייסען סוטעל און ווייסע לייוועג־טענע שיך.

מענשען האָבען געלאַכט פון איהם, חוזק געמאַכט, קינדער האָ־בען איהם בעוואָרפען מיט סנאָו־באָללס, אָבער משה׳ן האָט עס גע־אַרט ווי די וואַנד; ווי ניט איהם מיינט מען דאָס.

נעהם איך דאָך טענה׳ן צו איהם: משה, וואָס מאַכסטו זיך משוגע? וואָס טראָגסטו עפּעס היינט, אין אַזאַ פראָסט, אַ שטרוי־ענעם קאַפּעלוש מיט אַ ווייסען סוטעל? וואָס איז היינט, דער פער־טער דזשולייי?

— ניט דיין עסק! — האט זיך משה אבגעבייזערט. — איך פרעג ביי דיר ניט; איך פיהר זיך ווי מיר געפעהלט, קיינער קען מיר קיין דעה ניט זאגען.

דא האט איהם א לויפער, מיט א הארטען סנאו־באלל ארונטער־געווארפען דעם שטרויענעם העט פון קאפ, און א צווייטער סנאו־באלל האט איהם געטראפען אין אן אויער...

# משה בעווינט ניקאָלאַיען...

איך בין געגאַנגען אַ ה י ן און ער איז געגאַנגען א ה ע ר. זיינען מיר זיך אנטקעגען געקומען:

— וואָס מאַכט דיין פרוי, די קינדער?

— אַלע געזונד.

— דאָס איז שלעכט! — ענטפערט משה — און דו אליין, ווי פיהלסטו?

— איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען: דער קאָפּ טהוט מיר שרעקליך וועה, עס קלעמט מיר אונטער'ן הארצען און איך הוסט אונטער צו קאַפּיטשקעס.

— אַט דאָס, זעהסטו, טהוט מיר דוקא הנאה! — האָט משה אויסגערופען.

— און וואָס מאַכסטו, משה?

— איך בין אויף צרות! די געשיכטע מיט רוסלאַנד האָט מיך אין גאַנצען פּרוטשמעליעט, הלואי זאָל איך דעם אונגליק איבער־לעבען.

— איך פערשטעה דיר ניט, משה.

— איך מיין די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

— פאַר וואָס?

— ווייל איצט וועט מען מעהר ניט מאַכען קיין פּאָגראָמען אויף אידען.

— איז דאָך גוט.

— ס'איז ניט גוט!

— פאַר וואָס?

— אזוי. איך קען זיך ניט פרעהען מיט דער רעוואָלוציע, ווייל אַלע פרעהען זיך...

— און דאָס וואָס מען איז פּטור געוואָרען פון ניקאָלאַי דעם צווייטען מיט זיין גאַנצער משפּחה, איז ביי דיר גאָר ניט?

— גאָר ניט!

— און דאָס וואָס מען האָט בעפרייט אַלע פּאָליטישע פערשיקטע פון סיביר, איז ביי דיר גאָר ניט?

— גאָר ניט!

— און דאָס וואָס מען האָט איינגעפיהרט אַלגעמיינע שטימרעכט איז ביי דיר גאָר ניט?

— גאָר ניט!

— און דאָס וואָס אַלע רוסישע פעלקער קריגען פולע רעליגיעזע פרייהייט איז ביי דיר אַ הונד?

— אַ הונד!

— אויב אזוי, ביזטו אַ בהמה!

— בין איך!

— אָבער וואו איז דער שכל?

— שכל, שמייכעל! איך קען זיך ניט פרעהען מיט דער רעוואָלוציע ווען די גאַנצע וועלט פרעהט זיך!... ביי דער וועלט איז דאָס אַ ש מ ח ה און ביי מיר איז דאָס אַ ט ר ו י ע ר. אַט אַזאַ מענש בין איך!

און משה האָט אַ זיפץ געטהאָן.

— וואָס פאַר אַ זיפצעניש אויף דיר?

— איך זיפץ אויף דער מענשהייטס גרויסען בראָך; איך זיפץ אויף ניקאָלאַי דעם צווייטענ'ס אונגליק; אויף דער קרוין וואָס ער האָט נעבעך פערלאָרען. שטעל זיך פאָר, אַ מענש האָט אָנגעהאַלטען אַזאַ טייערע שטעלע אזוי פיעל יאָהרען, געהאַט אַזאַ מאַכט! וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געטהאָן; געלעבט ווי גאָט אין אדעם, ניט געוואוסט פון יקרות, פון דאגת פּרנסה, — אַ קלייניגקייט ניקאָלאַי דער צווייטער! — געהט מען און מען מאַכט איהם פאַר אוים

בעל הבית, פאר איים קאפעלוש־מאכער. ווען מען טהוט עס דיר, וואלסטו עס געגליכען?

— ער איז דאך אבער געווען א שווארץ מאה'ניק, א ווילדער דעספאט, און אומגליק פאר'ן לאנד.

— טא איז וואס? דארף מען איהם דערפאר אזוי פערשעהמען פאר א וועלט מיט מענשען?

— משה, איך קען מיט דיר ניט רעדען, דו פערשטעהסט ניט די לאגע; ביי מיר און ביי אלע פיינע מענשען איז די רעוואלוציע א גרויסער און א הייליגער יום טוב, און דערפאר פרעהען מיר זיך אזוי: הלואי האבען מיר אלע חודש אזעלכע ימים טובים.

אויף מארגען האב איך בעגעגענט די משה'כע אין גאס, האט זי מיר דערצעהלט, אז איהר משה „ש ט ע ה ט" שבעה.

— נאך וועמען?

— נאך ניקאלאי דעם צווייטען—האט משה'כע געענטפערט.

# משה האָט צייהן-וועהטאָג.

— העלאו, משה, וואו געהסטו?

— איך געה פון באָד.

— וואס האסטו געטהאָן אין באָד?

— זיך געגומען א וואנע.

— דו נעהמסט זיך אויך א וואנע? ביזטו דאָך גלייך מיט אלע מענשען.

— אבער איך נעהם זיך ניט קיין וואנע ווי אלע נעהמען זיך.

— ווי דען?

— אהן וואסער...

— וואס הייסט?

— דאס הייסט, אז אלע מענשען ווען זיי נעהמען זיך א וואנע, לאָזען זיי פריהער אנריינען וואסער, און איך האלט ניט פון דעם; ביי מיר א וואנע דארף זיין טרוקען ווי א ביין. אט אזא מענש בין איך!

— אבער ווי קען מען זיך נעהמען א וואנע אהן וואסער?

— זעהסט דאך, אז מען קען. עס איז גאָר ניט פאראן א זאך אויף דער וועלט, א מענש זאָל ניט קענען!

משה האט זיך פּלוצים א כאפּ געטהאן פאר'ן באק און גענומען לאכען מיט א הייליגען געלעכטער: בי־בי־בי־בי! חא־חא־חא־חא־חא! אוי, ס'ארא טהייערע זאך!

— וואס איז די שמחה אויף דיר? וואס לאכסטו, משה?

— א שעהנער פּלעזשור!

— אלבעמשע, ס'איז א פּלעזשור!

— למאי נעהמסטו איהם ניט ארויס?

— נעווער! סיידען...

— וואס סיידען?

— סיידען איך זאל קריגען אן אדרעס פון א גוטען בלעכער!

— וואס־זשע וואלט געווען?

— וואלט איך זיך געלאזען ארויסנעהמען דעם צאהן.

— ביי א בלעכער?

— יא, ביי א בלעכער.

— פאר וואס ניט ביי א דענטיסט?

— ווייל אלע נעהמען זיך ארוים ביי א דענטיסט.

משה האט זיך ווידער א כאפ געטהאן פאר'ן באק און זיך ווידער צולאכט.

איך האב געוואלט אוועקגעהן, אבער משה האט מיך ניט געלאזען; ער האט געוואלט, איך זיל מיט איהם נעהמען א שפאציער.

געהענדיג אזוי אין מיטען די טרעקס, וואו די קאר געהט, האט מיר משה דערצעהלט, אז ער איז א קאפיטשקע אין כעם אויף גאט.

— וואס האסטו צו איהם? — האב איך איהם געפרעגט — וואס פאר א שלעכטס האט דיר גאט געטהאן? ער געהט דען ארום אויף דיין וועלט?

— איך בין אין כעס אויף איהם פאר די וועטערען. היינט האבען מיר שוין דעם 13טען מאי און ס'איז נאך אזוי קאלט.

— וואס־זשע ארט דאס דיך?

— מיך ארט דאס זעהר א סך. איך האב זיך לעצטע וואך געקויפט א פעלצעל מיט א פוטערנע היטעל מיט א פאר פוטערנע הענדשעקס, קען איך זיי ניט אנטהאן, ווייל ס'איז צו קאלט...

— איז דאך גוט, אז ס'איז קאלט! ווען דען טראגט מען פוטערנע קליידער?

— איך טראג פוטערנע קליידער פון פ ס ח ביז ראש חודש א ל ו ל.

— און דאן?

— דאן טהו איך אוים די פוטערנע קליידער מיט די הענדשקעס

און איך טהו זיך אַן אַ ווייס לייוועגטען סוטעל מיט ווייסע שיך, מיט אַ שטרויענעם קאַפּעלוש. דאָס איז דער שעהנסטער גאַנג אום ווינטער!

— ס'איז דאָך אָבער קאַלט.

— וועמען אַרט דאָס?

— מען לאַכט דאָך פון דיר.

— ווער?

— אַלע.

— איך פייף אויף אַלע!

— משה, דו האָסט אַ טעות; דער עולם איז ניט קיין גולם; דער עולם איז קלוג ווי דער טאָג.

— פאַראַן קליגערע

— ניטאָ.

— ס'איז יאָ דאָ!

— ווער, למשל, איז קליגער פאַר'ן עולם?

— ווער? די וואָס געהען געגען דער גאַנצער וועלט; דער וואָס פיהרט זיך נאָך זיין א י י ג ע נ ע ם שכל. אונזער לעהרע זאָגט, אַז דער י ח י ד, דער א י י נ צ י ג ע ר, האָט מעהר פערשטאַנד ווי דער ר ב י ם, ווי די מ א י א ר י ט ע ט, אַזוי זאָגט אונזער תורה.

— אַ וואַזשנע תורה.

— אַלבעטשע!

— דו פערגעסט אָבער, משה, אַז די מאַיאָריטעט, דער רבים, איז צוזאַמענגעשטעלט פון איינציגע, פון יחידים, טאָ מיט וואָס זיינען מויזענד איינציגע נאַרישער פון איין מענשען, למשל פון דיר?

משה האָט געשוויגען.

— וואָס שווייגסטו, משה?

— איך האָב פיינט, אַז מע באַדערט זיך מיט נאַרישע פראַגען!...

# משה'ס צוואה.

— וואו געהסטו, משה?

— צום פרעזידענט פון דער חברה קדישא.

— וואס דארפסטו איהם?

— כ'וויל איהם אָנזאָגען זעהר א נויטיגע זאך. א זאך, וואס געהט פשוט אין לעבען.

— וואס יא שטייגער?

— איך וויל איהם אָנזאָגען, אז איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, אז איך וועל ע פ ע נ ע ן די אויגען און זאָגען „העללאָו" צו דער וועלט, זאל מען מיך ניט בעגראָבען ווי מען בעגראָבט אלע מענשען.

— ווי דען?

— איך וויל, אז אין קבר זאל מען אריינלעגען די מצבה און מיך אליין זאל מען אוועקשטעלען אָנשטאָט א מצבה לעבען קבר.

— ווי קען א טויטער שטעהן?

— איך וועל בעטען מען זאל מיך אונטערשפּארען מיט א פּאָר דרענגלעך, אדער מע'זאל מיך צובינדען צו א בוים.

— ביזט משוגע!

— איך וועל אפילו אָנזאָגען, אז מיט די קינדער מיינע זאל מען זאגען פערקעהרט קדיש.

— וואס הייסט פערקעהרט?

— פערקעהרט הייסט, מע זאל אָנהויבען פון סוף און ענדיגען מיט'ן אָנהויב.

— נאך א זאך: פון מאָרגען אָן הויב איך אָן צו געניצען מיט א פארמאכטען מויל. עס וועט מיר טאקע אָנקומען שווער, אָבער איך קעהר ניט. און אויב ס'וועט מיר געלינגען צו געניצען און ניט

עפּענען דאָס מויל, וועל איך זיך טרייען איינגעוועהנען צו ג י ס ע ן מיט האַלז און ה ו ס ט ע ן מיט'ן נאָז.

— יעדער מענש האָט אַ רעכט צו זיין משוגע.

— דאָס הייסט ביי דיר זיין משוגע?

— וואָס דען הייסט דאָס?

— דאָס הייסט זיין „אָריגינעל".

— אָריגינעל משוגע!

— איך האָב פיינט, אַז מען וויצעלט זיך.

ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז מען האָט איהם לעצטע וואָך איינגעלאַדען עפּעס פאַרצולעזען ביי אַ ליטעראַרישען אָבענד, האָט ער דאָרטען געמאַכט אַ געוואַלדיגען „היט".

— וואָס האָסטו דאָרט געלעזען?

— דיינע מעשה'לאך. אָבער איך האָב זיי ניט געלעזען ווי ד ו לעזט זיי; דו שטעלסט זיך אוועק מיט'ן פּנים צום עולם און לעזט אָפּ אַ פּאָר זאַכען און אַ סוף. אָבער איך לעז אַנדערש איך שטעל זיך אוועק מיט דער פּלייצע צום עולם און די מעשה'לאך הויב איך אָן פון דער אונטערשטער שורה און ענדיג זיי אָפּ מיט דער ערשטער שורה. עס קומט אויס זעהר קאָמיש: דער עולם ווערט שיער ניט צוזעצט פון געלעכטער.

משה האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז ער האָט ביי זיך אין איינ־געפיהרט אַ נייעס: ער האָט איינגעפיהרט, אַז ביז צום שלאָפען געהן זאָל ער זיין פרוי און די קינדער זיצען אין דער פינסטער, נור ווען אַלע ליגען שוין אין די בעטען, בינדט ער אָן די געז, און ער לאָזט ברענען די גאַנצע נאַכט, ביז זיי כאַפּען זיך אויף.

— נאָך וואָס טויג עס דיר? — האָב איך איהם געפרעגט.

— אַ שעהנע פראַגע! ערשטענס, איז דאָס אָריגינעל און צווייטענס וויל איך זעהן ווי איך שלאָף.

— ווי איז דאָס מעגליך?

— איך שלאָף מיט אָפענע אויגען.

# משה אַן אפטייקער.

איך בין פערבייגעגאנגען אַ בעקאנטען אפטייק. האָב איך דער־זעהן ווי אינוועניג, אין אפטייק, דרעהט זיך ארום משה קאַפּויר.

— וואָס טהוסטו עפּעס דאַ, משה?

— איך פּאַס אויף אויף'ן סטאָר. דער בעל הבית איז מיינער אַ קאַזין, איז ער אוועק צום ״ריין אַפּוואַרטען זיין פרוי פון קאַונטרי, האָט ער מיך געבעטען ,אַז איך זאָל דערווייל אויפפּאַסען אויף'ן געשעפט.

דאַ איז אריינגעקומען אַ איד מיט אַ שעהנער באָרד און זיך גע־הייסען געבען 5 צוויי סענטיגע סטעמפּס און 2 פּאָסטעל־קאַרדס.

האָט איהם משה דערלאַנגט די 5 סטעמפּס מיט די צוויי פּאָס־טעל־קאַרדס; האָט איהם דער איד געוואָלט בעצאָהלען, האָט משה ניט געוואָלט נעהמען קיין געלד. ערשטענס, דערפאַר, ווייל אַ ל ע נעהמען; צווייטענס, ווייל די דאָזיגע זאַכען בעלאַנגען צו דער רעג־גיערונג און די רעגיערונג איז אַזוי אויך רייך גענוג, וועט אַנקעל סעם, זאָגט ער, האָבען מיט צוועלף סענט ווייניגער.

דער איד מיט דער שעהנער באָרד איז ארויס אַ צופריעדענער.

אין צוויי מינוט ארום איז אריינגעקומען אַ אידענע מיט אַ פּאַטשיילע אויף'ן קאָפּ. פרעגט איהר משה וואָס זי וויל. זאָגט זי: מיין מאַן האָט מיך אַהער געשיקט; ער זאָגט, אַז דאַ קריגט מען סטעמפּס און פּאָסטעל־קאַרדס אומזיסט. איז דאָס אמת?

— אמת! — זאָגט משה — און ער דערלאַנגט איהר אויך פינף סטעמפּס מיט צוויי פּאָסטעל־קאַרדס.

אַז די אידענע מיט דער פּאַטשיילע איז ארויס, איז אריינגע־

קומען א יונגערמאן, ניט קיין אפגעשייוועטער, אהן א קאלנער און געל ווי א וואקס.

— וואס פערלאנגט איהר? — פרעגט משה.

— גיט מיר עפּעס פאר'ן מאגען, איך געה אוים.

— די בעסטע זאך פאר'ן מאגען איז עסען! — האט משה אויסגערופען — נור עסען! קיין מעדיצין וועט אייך ניט העלפען. ווען איהר וואלט געווען א קלוגער איד, וואלט איהר געוואוסט, אז די ב ע ס ט ע מעדיצין איז ניט מעהר ווי סינק־וואסער מיט א ביסעל פארב.

— אפשר זאל איך געהן צו א דאקטאר? — פרעגט דער קראנקער יונגער מאן.

— זאל גאט היטען! דער דאקטאר וועט אייך בעטאפּען, בעשמעקען און נעהמען ביי אייך א דאלאר, און אייך ווייטער הייסען קומען, און ווידער נעהמען ביי אייך א דאלאר און אייך ווידער הייסען קומען — אט אזוי אהן א סוף.

— טא גיט מיר עפּעס פאר'ן קאפּ — בעט זיך דער יונגערמאן — דער קאפּ טהוט מיר אויך וועה.

— קיינע „הערדעיק" פּאודערס וועלען אייך צום קאפּ ניט העלפען! פאר א קאפּ איז די בעסטע זאך שכל! אויב איהר קענט קריגען א פּארציע שכל, וועט איהר זיין אלל־רייט!

דער יונגער מאן איז ארויס, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געבורטשעט: „א משוגענער אפּטייקער!"

אז דער יונגער מאן איז ארויס, זאג איך צו משה'ן:

— משה, וועסט דאך פערטרייבען אלע קאסטומערס.

— וועל איך!

— דיין קאזין וועט דאך בדלות ווערען.

— וועט ער!

דא איז אריינגעקומען א מיידעל מיט שווארצע אויגען, א פעסטגעבויטע, מיט א ווייסען האלז און פעטע היפּטען.

— וואס ווינשט איהר? — האט איהר משה געפרעגט.

— א־דע־קאלאן.

— אזא מיידעל ווי איהר דארפט ניט קיין א־דע־קאלאן! איהר שמעקט אזוי אויך; סא אן עבירה די עטליכע סענט וואס איהר ווילט ספּענדען. חוץ אלעמען איז אונזער א־דע־קאלאן ניט ווערטה וואס זי לעבט אויף דער וועלט.

— און וואס הערט זיך מיט א קעמעלע? איך וויל האבען א פיין קעמעלע.

— ניטא ביי אונז קיין רעכטע קעמעלעך! זיי ווערען באלד צובראכען! סיידען איהר קענט קויפען צוויי קעמעלעך א טאג.

דאס מיידעל שמייכעלט און בעט א צייהן־בערשטעל.

— אונזערע צייהן־בערשטלעך טויגען אויך אויף כפרות; די האר קריכען באלד אויס!

— א שעהנער אפּטייקער! — בעמערקט דאס מיידעל.

— אלבעטשע! — ענטפערט משה — א שעהנער און אן ערהר־ליכער.

— און וואס הערט זיך וועגען א גוט באקסעלע פּאודער?

— אזא שעהנע מיידעל דארף זיך ניט פּאודערען; דאס פּאור־דערען זיך מאכט מיאוס.

— אבער ווי איז דער דין, אז איך וויל זיך דוקא יא פּאודערען?

— אויב איהר ווילט זיך דוקא פּאודערען, זאלט איהר ביי אונז ניט קויפען קיין פּאודער! ווייל אונזער פּאודער איז ניט מעהר ווי צומאלענע קרייד מיט ווייצען מעהל.

דאס מיידעל איז ארויס מיט א געלעכטער, און באלד נאך איהר איז אריין א יונגע מאמע מיט פערוויינטע אויגען. זי האט דער־לאנגט מיש'ן א רעצעפּט פון א דאקטאר. האט משה בעטראכט דעם רעצעפּט און געפרעגט ביי דער פרוי, ווער ס'איז קראנק ביי איהר. האט די פרוי געזאגט: מיין איינציג באיטשיקעל; דער דאקטאר זאגט, אי ער האט דיפטעריע.

— לאכט זיך אויס פון׳ם דאָקטאָר, וואַרפט איהם אַרונטער פון אַלע טרעפּ! און דעם רעצעפּט מעגט איהר אויך צורייסען. די מעדיצינען העלפען ווי אַ טויטען באַנקעס. וויינט ניט און געהט היים און מאַכט זיך ניט נאַריש. אָהן דאָקטוירים וועט אייער קינד גיכער געזונד ווערען.

ווי געפעלט אייך אַזאַ אַפּטייקער?

# משה ליעבט פּאָגראָמען.

— משה, וואו געהסטו?

— איך געה אין טעלעגראף אָפיס, געה איך.

— וואס טויג דיר א טעלעגראף אָפיס?

— איך וויל שיקען א טעלעגראמע אין סט. לואיס.

— צו ווען?

— צו די ווייסע מענשען וואס האבען לעצטע וואך געמאכט א פּאגראם אויף די ניגערס.

— וואס דארפסטו זיי שיקען א טעלעגראמע, וואס האסטו מיט זיי פאר א ביזנעס?

— וואס הייסט וואס פאר א ביזנעס? איך וויל זיי בעגריסען פאר זייער גרויסען אויפטהו; איך וויל אויסדריקען מיין בעגייי־סטערונג צו די פּאגראמשטשיקעס; איך וויל זיי אריינגעבען א חשק פארטצוזעצען זייער ארבייט, ניט נור אין סט. לואיס, נור אומעטום וואו ס'זיינען פאראן ניגערס.

— וואס רעדסטו, משה?

— אָט דאס וואס דו הערסט!

— דאס הייסט דאך, אז דו ביזט צופריעדען וואס מען הרג'עט אוים די ניגערס?

— אודאי צופריעדען! איה, אז איך הער פון אזעלכע זאכען, קומט מיר צו א שטיק געזונד! גרעבער ווי לענגער ווער איך. ווען איך זאל האבען א דעה אין לאנד, וואלט איך ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל אלע ניגערס אויסשעכטען אין איין טאג. פונקט ווי ס'איז פאראן א „דעקאריישאן דעי", א „לייבאר דעי", אזוי זאל אויך זיין א „נעגער דעי".

— ווי קומט דאס, משה, אז דו זאלסט אזוי האסען די שווארצע?

— ווייל די מאדזשאריטי סימפאטיזירט מיט זיי. און וואס די מאדזשאריטי טהוט, טהו איך קאפויר; איך פייף אויף דער מאדזשאריטי!

— משה, ווי קענסטו זיין איינפערשטאנען מיט אזעלכע שויד־דערליכע שחיטות אויף גוטע, עהרליכע מענשען? דאס איז דאך פונקט די זעלבע פאגראמען. ווי מען האט געמאכט אויף אידען אין קישענעוו, אין האמעל, אין אדעס. קומט דאך אויס נאך דיינע רייד, אז י ע נ ע פאגראמען האט מען אויך געדארפט מאכען?

— אודאי האט מען געדארפט! לאנג לעבען זאלען יענע שווארץ מאה'ניקעס וואס האבען געמאכט די פאגראמען! וואס דען, די איצטיגע רוסלאנד וועט אונטערהעצען צו פאגראמען? מען דארף נאך לאנגווארטען! ווי לאנג די סאציאליסטען וועלען זיין די פיהרער פון רוסלאנד, וועלען דארט קיין פאגראמען ניט זיין — וועה איז מיר! ניט אומזיסט ביז איך „געשטאנען" שבעה נאך ני־קאלאי. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז קיין גוטעס וועט ניט ארויסקומען פון די סאציאליסטען...

דא האט זיך משה אויסגעווישט א טרעהר מיט אן ארבעל און ווייטער גערעדט:

— א שעהן פנים האבען דאס איצט די רוסישע אידען; ס'מזל אויף זיי! זיי שעהמען זיך ממש ארויסצוגעהן אין גאס. שטעל זיך פאר, א פאלק וואס איז געוואהנט געווען יאהרען לאנג מען זאל מאכען פאגראמען אויף זיי; מען זאל זיי בעראבעווען, מען זאל פייניגען זייערע ווייבער און טעכטער, ווערען פלוצלונג, מיט אמאל, פרייע מענשען. דאס איז דאך א מורא'דיגער קלאפ; זיי וועלען דאס גאר ניט איבערלעבען!

— הייסט דאס, אז דו ביזט העכסט צופריעדען מיט דעם פאג־ראם, וואס מען האט געמאכט אויף די נעגערס?

— נאך א מין צופריעדען! הלואי הער איך אזעלכע נייעס אלע וואך!

— ווער דענקסטו איז שולדיג אין דעם בלוט־באד?

— וואָס הייסט ווער? די שוואַרצע! ווער דען, די ווייסע זיינען שולדיג? די ווייסע זיינען קיינמאָל ניט שולדיג; די ווייסע זיינען תמיד די פיינע, די גערעכטע, זיי ליעבען די נעגערס ווי דעם לעבען. נור די נעגערס זיינען גראָביאַנעס און ווילען ניט ליעבען די ווייסע.

א ווייסער פאַר א שוואַרצען וואָלט דאָס לעבען אוועקגעגעבען. און אַזוי ווי די שוואַרצע האָבען קיין שכל ניט, זיינען ווילדע מענשען, ניט קיין ציוויליזירטע, ניט קיין פאָרטגעשריטענע, לאַכען שטענדיג פון די ו ו י י ס ע, ווילען מיט די ווייסע אויף איין קאַר ניט פאָהרען, אין איין טהעאַטער ניט זיצען, אויף איין גאַס ניט וואוינען. קורץ, זייער שנאה צו די ווייסע האָט זיך געצויגען אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך צופלאַקערט אין א שחיטה!

— און דיר טהוט עס הנאה?

— אַלבעטשע!

דאָ האָט משה אַרונטערגענומען די ברילען, זיי אויסגעווישט מיט דער פּאָלע פון זיין ראָק, זיי אָנגעטהאָן צוריק אויף הינטען און געענדיגט:

— די ווייסע בירגער פון סט. לואיס האָבען מזל. דער מזל בעשטעהט אין דעם, וואָס אמעריקא האָט איצט ניט קיין סאָציאַליסטישע רעגיערונג ווי רוסלאַנד. אַז ניט וואָלטען זיי ניט געקענט אָפּטהאָן אַזאַ שטיקעל אַרבייט. די סאָציאַליסטען וואָלטען דאָס ניט דערלאָזט.

— משה, זאָג איך, עס האַלט אָבער דערביי; אמעריקא קומט צום שכל, דאָס אמעריקאַנער פאָלק מאַכט אויף די אויגען, טשוכעט זיך אויס פון שלאָף.

# משה טרייבט אַ פערד.

— וואס מאכסטו, משה? וואס הערט זיך עפּעס נייעס? וואו געהסטו?

— איך געה אויף אַ ליסיטאציע.

— וואס הייסט אַ ליסיטאציע?

— אַ ליסיטאציע הייסט אַן אַקשען, אַן אויספּערקויף, עס ווערט פּערקויפט פערד.

— וואס־זשע האט דאס צו טהאָן מיט דיר?

— גאר נים. איך געה זיך קויפען אַ פערד.

— וואס טויג דיר אַ פערד?

— קום מארגען צו מיר, וועסטו זעהן.

אויף מארגען בין איך אוועק צו משה'ן, האט מיר די משה'בע געזאגט, אז ער געפינט זיך איצט אין אַ סטייבעל אויף פּיטט סטריט. איך קום אהין, זעה איך אַ רעדעל מענשען. מיין איך, ס'איז אַ פייער אָדער אַ פייט. שטופּ איך זיך דורך, זעה איך משה'ן.

ער איז געשטאנען און איינגעשפּאנט אַ פערד אין אַ וואגען. אָבער ער האט ניט איינגעשפּאנט דאס פערד ניט ווי אַלע מענ־שען, נור פערקעהרט: ער האט דאס פערד איינגעשפּאנט מיט'ן עק אויף ארויס און מיט'ן קאָפּ צו דער קעלניע, אזוי, אז ווען משה האט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן וואגען, האט איהם דאס פערד אריינגעקוקט אין די אויגען — — —

— משה! — האב איך אויסגערופען און זיך געשטיקט פאר געלעכטער — משה, וואס טהוסטו?

— זעהסט דאך.

— ס'איז דאך אָבער ניט שעהן: מענשען וועלען לאכען פון

דיר; וואו איז דאס געהערט געווארען, אז מ'זאל איינשפאנען א פערד אין א וואגען מיט'ן עק אויף ארויס?

— דאס וואס ס'איז ניט שעהן, ארט מיך ניט; מאלע וואס מענשען זאגען. איך לאך פון זיי!

— ס'איז דאך אבער ניט בעקוועם.

— אבי ס'איז אריגינעל!

— מען קען דאך אבער אזוי ניט פאהרען.

— מ'דארף טרייען. אפשר וועט מען יא קענען.

— משוגענער משה! ווי איז דאס מעגליך פאר א פערד צו לויפען מיט'ן עק פאראויס?

— היינט איז א קלוגע וועלט, — האט מיר משה געענטפערט — אז מענשען קענען געהן אויף צוריק, הינטערווייל־עכטס, וועט א פערד אודאי קענען.

— פון וואנען נעהמסטו, אז די מענשען געהען היינט אויף צו־ריק?

— א סימן האב איך די רוסישע רעוואלוציאן, — זאגט משה — מענשען וואס ליעבען פרייהייט, וואס ליעבען יושר, וואס געהען פארווערטס, מאכען ניט קיין רעוואלוציאנען.

— משה, ביזט פערריקט!

— בין איך!

— למאי אלע אידען שלאגען זיך אין הארצען צו די „על חטא'ס" און איך שלאג זיך גאר אין הארצען צו די „עשרת הדברות".

— צו די עשרת הדברות? משוגע מיינע שונאים?

— יא, אזא מענש בין איך! איך דענק, אז די „על חטא'ס" דארפען אלע אידען אבהיטען מיט'ן גאנצען הארצען. מחמת די „על חטא'ס" האט אונז גאט געגעבען אויפ'ן בארג סני. אויף די „על חטא'ס" האלט זיך דאס גאנצע אידישקייט. די גאנצע אידי־שע רעליגיאן. ווען ניט די „על חטא'ס", וואלט נאך געווען פינ־סטער אויף דער וועלט.

ער האט מיר אויך דערצעהלט, אז ער געהט באלד פארשלא־

גען די אידישע רבנים פון דער וועלט, אז זיי זאלען ענדערען דעם אידישען סידור.

— וואס ווילסטו איינפיהרען?

— איך וויל איינפיהרען, אז אין דער פריה, ווען מ'שטעהט אויף, זאל מען דאווענען מנחה און מערב אין אויף דער נאכט זאל מען דאווענען שחרית.

— וואס נאך ווילסטו איינפיהרען?

— אויב זיי וועלען מיר נאכגעבען מיט'ן סידור, וועל איך זיי פארשלאגען נאך א פאר רעפארמען.

— וואס, למשל?

— מען זאל צו „עלינו" ניט אויסשפייען, מ'זאל בעסער אויס־שפייען צו „ברכו" און צו „קדוש קדוש קדוש" זאל מען ניט אונ־טערטאנצען, טאנצען דארפען מיידלאך...

# משה אין קוני איילאַנד.

דעם פערטען דזשולײַ בין איך פאַרבײַגעגאַנגען פּיטקין סטריט. די היץ האָט שרעקליך געסמאַליעט. מענשען האָבען געפּרײַכט ווי גענז און געבלאָזען פון זיך.

איין איד אין אַ יאַרמעלקע איז געשטאַנען אויף אַ סטופּ און זיך געפאָכעט דאָס פערשוויצטע פּנים מיט'ן טלית קטן.

אַ יונגע ווײַבעל, וואָס האָט יעדע מינוט געדאַרפט ווערען אַ מאַמע, איז געשטאַנען לעבען אַ סאָדאַ־סטענד און זיך דערקוויקט דאָס האַרץ מיט לעמאָן־סאָדאַ.

פּלוצים דערהער איך אַ שטימע: גוד באַי, קאָוונער, וואָס מאַכט דײַן אידענע?

איך קוק זיך אום — משה קאַפּויער.

אָבער דאָס איז ניט געווען דער אייגענער משה וואָס אַלע מאָל. ער איז געווען פערוואַקסען מיט אַ געדיכטער גרויסער באָרד, אָנגעטהאָן אין אַ פּוטערעל מיט אַ וואָלענעם שאַליק אויפ'ן האַלז, און זיך געוואַרעמט די הענד איבער אַ פייער־טאָפּ.

— משה, וואָס טהוסטו?

— זעהסט דאָך.

— אין אַזאַ היץ?

— אַזוי וויל איך.

— ביזט אַ בהמה!

— בין איך!

— משה — זאג איך — אפשר וואלסטו מיט מיר געגומען א רייד אין קוני איילאנד?

— ניט היינט. איך פאהר ניט זומער אין קוני איילאנד.

— ווען דען?

— ווינטער.

— ווינטער איז דאך קיינער ניטא.

— דער שנעע איז דא, דער ים איז דא און איך בין דא. און דאס איז גענוג! איך האב זעהר ליעב צו זיין אליין. דיר דאכט זיך אויס, אז אלץ איז דיין: אי דער שנעע, אי דער ים.

די מענשען וואס האבען צוגעהערט אונזער געשפרעך האבען געלאכט. האט משה זיי אוועקגעטריבען.

אז דער עולם איז זיך צוגאנגען, האב איך געפרעגט משה'ן אויב ער פייערט דעם פערטען דזשולייי. האט ער מיר געענטפערט, אז ער האט פיינט צו פייערען דעם יום טוב ווען די מאדזשאריטי פייערט.

— ווען דען פייערטסו העם פערטען דזשולייי?

— דעם זיבעטען.

דא איז פערבייגעגאנגען א איד מיט א שווארצען שטרויענעם העט און מיט א לאנגע שווארצע בלוזע און מיט א שטעקען אין האנד.

— רבקה! — האט משה אויסגערופען הויך אויפ'ן קול.

דער איד איז צוגעקומען און געפרעגט משה'ן וואס ער וויל.

— איך וויל אייך פארשטעלען פאר מיסטער קאוונער.

און משה האט מיר פארגעשטעלט דעם אידען מיט דעם שווארצען שטרויענעם העט פאר זיין טאטענס א ברודער.

— ווי רופט מען איהם? — האב איך געפרעגט משה'ן.

— רופען רופט מען איהם נח, נאר איך רוף איהם רבקה.

דער איד האט זיך צולאכט און מיר געזאגט, אז פון משה'ן וועט שוין קיין מענש ניט ווערען.

משה האט איהם גערופען „אינדיאנער“, און דער פעטער האט זיך אפגעטראגען.

איך האב זיך געלאזט אוועקגעהן. אבער משה האט מיך געבע־טען, אז איך זאל נאך בלייבען. ער וויל מיר דערצעהלען וועגען דעם טראבעל וואס ער האט מיט זיין לענדלארד.

— וואס איז דער טראבעל?

— דו הערסט דאך. דער לענדלארד האט געשיקט א פיינטער און א פייפער־היינגער אויסצופיינטען און אויסצופייפערען די רומס מיינע. האב איך זיי געהייסען אויספיינטען די פלארס. האבען זיי ניט געוואלט. איז ארויסגעקומען א געשלעג. האב איך דעם פייפער־הענגער ארונטערגעווארפען פון די טרעפ. האט ער זיך צוקלאפט, האט ער אנגעקלאגט דעם לענדלארד און מארגען דארף זיין די טרייעל.

— וואס־זשע דענקסטו צו טהאן?

— גאר ניט. איך וועל ניט געהן אין קאורטס און דאט׳ס אלל!

— וועט מען דיך ארעסטען.

— וועט מען!

— וועסטו דארפען זיצען.

— איך וועל ניט זיצען. איך וועל ארומגעהן, איך וועל שטעהן, איך וועל ליגען, נור ניט זיצען.

## משה׳ס חכמות.

— גוד באי, קאווגער!

— וואו געהסטו, משה?

— בעשטעלען א סוט אויף פסח. קום מיט.

געהען מיר אריין אין א שניידער־סטאר.

קומט איהם דער שניידער אקעגען און פרעגט איהם וואס ער וויל.

— א סוט — ענטפערט משה.

— האט איהר ווארע?

— ניין.

— איהר ווילט, הייסט דאס, מיט מיין ווארע?

— אויך נים.

— וואס דען ווילט איהר?

— איך וויל א סוט אהן ווארע; נים מ י י נ ע, נים א י י ע ר ע.

— איהר מוזט זיין מ ש ה ק א פ ו י ר? — פרעגט דער שניידער.

— יא, — ענטפערט משה מיט שטאלץ.

— וויל איך אייך נים האבען פאר קיין קאסטומער.

— דארף מען נים!

מיר האבען פערלאזען די שניידער סטאר.

— וואו געהען מיר איצט? — פרעג איך משה׳ן.

— איצט דארף מען זיך בעזארגען מיט שיך.

— גערט ער אריין אין א שוה־סטאָר און הייסט זיך ווייזען א פאָר שיך, אבער ניט קיין שווארצע.

— וואָסערע דען, געלע?

— אויך ניט.

— ווייסע?

— אויך ניט. איך וויל איינעם א שווארצען און איינעם א ווייסען.

האָט מען איהם ארויסגעוואָרפען.

— וואו געהען מיר איצט? — פרעג איך.

— איצט וועלען מיר אריינגעהן אין א רעסטאָראנט עפּעס א ביס טהאָן.

געהען מיר אריין אין א רעסטאָראנט. הייסט ער זיך געבען א פּאָרציע פיש.

— געפילטע? — פרעגט איהם דער וויטער.

— ניין, ניט קיין געפילטע, פליינע.

האָט מען איהם צוגעטראָגען א פּאָרציע פיש מיט חריין.

האָט ער די חריין אבגערוקט און גענומען עסען די פיש מיט עסיג. ער גלייכט ניט, זאָגט ער, צו עסען פיש מיט חריין ווי אלע מענשען עסען.

פלוצים נעהמט ער זיך ווערגען.

— וואָס איז, משה?

— גאָר ניט. איך עס פיש מיט די ביינדלאך...

— וועסט דאך דערוואָרגען ווערען.

— וועל איך... אבי ניט נאָכטאָנצען די מאָדזשאָריטי. איך האס די מאָדזשאָריטי!

א טשיקאָוואָער מענש, דער משה!

אָט דערצעהלט ער מיר, אז ווען ער געהט אין א שוויץ־באָד (א מאָל אין א יובל), געהט ער דאָרט ארום אין די קליידער. ס'איז ניט שעהן, זאָגט ער, אין א שוויץ־באָד ארומצוגעהן נאַקעט... און אז ער עסט פלוימען, עסט ער זיי מיט די קערלאך; איז ער געווען

אמאל אנגעשטעלט אין א סטאר פאר א סיילסמאן, האט ער קיינעם ניט געוואלט פערקויפען קיין סחורה. האט ער אן אייז־באקס. האלט ער קויהלען אין איהר, און אין אויווען האלט ער אייז...

ער האט מיר אויך דערצעהלט, אז ער איז גרינגערהייט געווען אן אקטיאר און געשפיעלט אידיש טהעאטער. האט ער קיינמאל ניט געוואלט נאכזאגען די ווערטער וואס דער סופליאר האט איהם געהייסען. ער האט זיך געזאגט זיין אייגענע „פראזא".

האט דאך דער סופליאר געשריען: „גזלן, וואס זאגסטו ניט די „פראזא" פון דער פיעסע?" האט משה געענטפערט, אז ער פייפט אויף די פיעסע מיט דער פראזא צוזאמען; זיין פראזא איז א בע־סערע און א שעהנערע!

— זי בעלאנגט דאך אבער ניט צו דער פיעסע? — האט דער סופליאר געוואלדעוועט.

איינמאל, דערצעהלט ער ווייטער, האט ער געשפיעלט די ראלע פון דער „באבע יאכנע" אין מענער־קליידער און מיט א בארד.

האט דער מענעדזשער גענומען שרייען; האט ער איהם גע־ענטפערט, אז ס'געפעלט איהם ניט, מעג ער זיך אויפגעבען ס'טהע־אטער.

האט דער מענעדזשער ווייטער געשריען, אז איהם ארט ניט אזוי שטארק דאס שפיעלען, נאר ער האט מורא פאר'ן פובליקום.

האט איהם משה געענטפערט, אז אויב דעם פובליקום געפעלט ניט זיין „באבע יאכנע" מעג עס אהיים געהן.

און פערקעהרט, איינמאל האט ער געשפיעלט דעם אידישען „קעניג ליער" דוקא אין פרויען־קליידער און אהן א בארד.

# משה ערקלערט זיך אין ליעבע.

— וואו געהסטו, משה?
— איך געה בעשטעלען מצות.
— נאך וואס טויג דיר היינט מצות?
— ניט אויף היינט, אויף שבועות.
— שבועות עסט מען מצות?
— ווען דען פסח?
— אודאי.
— ניט ביי משה'ן! משה עסט מצות שבועות און מילכיגע קרעפלעך תשעה באב.
— וואס נאך הערט זיך, משה?
— גאר ניט. איך האב אריינגענומען א באָרדערקע אין הויז.
— א מיידעל?
— ניין, א ווייבעל.
— וואו איז איהר מאן?
— אין דר'ערד.
— הייסט עס, אז זי איז אן אלמנה?
— „יעססער"! איך מיין „נאוסער".
— נאוסער איז ביי דיר יעססער.
— יעססער.
— קום אריבער היינט אבענד צו מיר, וועסטו איהר זעהן.

מיר האבען זיך געזעגענט. ער האט מיר געזאגט „העללאו' קאוונער און מיר זיינען זיך צונאנגנען.

ארום אכט א זייגער אין אבענד האב איך געטראפען משה קאַ־

פוויר׳ס פרוי אריינגעהן אין די מואווינג פיקטשורס מיט אלע קינ־דער. האב איך פערשטאנען, אז משה איז איצט אליין אין הויז מיט זיין באָרדערקע.

בין איך ארויף צו איהם.

איך קום צו צו דער טהיר און קלאפּ אָן, הער איך משה׳ס שטי־מע: „געהט אהיים“.

פערשטעה איך שוין, אז „געהט אהיים“ מיינט ביי משה׳ן „קאם אין“.

בין איך אריין. ער איז געזעסען לעבען א שעהנע ווייבעלע מיט שווארצע האר ווי א ציגיינערקע.

ווי נור ער האט מיר דערזעהן, האט ער באלד אויסגערופען:

— גוט מארגען, קאוונער! גוט וואָס דו ביזט געקומען. איך וויל דיר מאקע פארשטעלען מיין מיאוס׳ע באָרדערקע.

און ער האט מיך פאר איהר פאָרגעשטעלט:

— מיסטער קאוונער און מיסעס טאנצמאן.

— עס פרעהט מיך זעהר, — האָב איך געענטפערט — און איהר דערלאנגט די האנד.

דא האט מיר משה א וואונק געטהאן, איך זאל אריין אין פראנט־רום

איך האב איהם געפאלגט.

האט זיך משה אוועקגעזעצט מיט דער שעהנער ווייבעל אויף אן איבערגעקעהרטער סאפא און איהר אנגעהויבען ערקלעהרען זיין ליעבע. פערשטעהט זיך, אויף זיין שטייגער.

די רעכטע האנד האט ער איינגעוויקעלט אין א פויסט, אויס־געגלאָצט אויף איהר א פאר בייזע אויגען און מיט א ברוגז׳ער שטימע האט ער אנגעהויבען:

— מיסעס טאנצמאן, איך האב אייך פיינט! איך האס אייך ווי דעם טויט! אהן אייך וואלט מיר געווען פרעהליך! מיין פרוי איז גע־גען אייך א מלאך! א גאט! און מיאוס זייט איהר ווי דער טאָג! און טאמער זאגט איהר מיר חלילה וחס, אז איהר ליעבט מיך, אז

איהר קענט אהן מיר ניט לעבען, וועל איך זיך דעם לעבען נעהמען! איך וואלט אייך ניט געוואלט א קוש טהאן, ווען מען גילדט מיך אבו פע!

אט אזוי, ווי איהר הערט, האט זיך משה ערקלעהרט אין ליעבע צו זיין שעהנער בארדערקע.

ווי עס ווייזט אויס, האט דאס ווייבעל גוט געוואוסט ו ו ע ר משה איז, ווייל זי האט געהאלטען אין איין לאכען. איהר שטימע האט געקלונגען העל ווי א זילבערן גלעקעל.

איך בין געזעסען אין פראנט רום, צוגעזעהן די סצענע און זיך געטראכט: משוגע אויף טויט! ווען גאט שיקט מיר צו אזא שעה־נע בארדערקע, וואלט איך צו איהר אנדערש גערעדט.

ארום צעהן א זייגער בין איך אוועק אהיים שלאפען און איבער־געלאזען משה'ן אליין מיט דער שעהנער אלמנה'לע.

ארונטערגעהענדיג פון די שטיגען, האט מיר משה נאכגעשריען:

— א גוטען טאג, קאוונער!

## ניט פורים, נאָר יום כפור...

ערב פורים בין איך אוועק אין א בעקערי. געקויפט א דאזען המן־טאשען מיט יוניאן לייבלאך און אהיים געבראכט פאר מיין פרוי און קינדער.

בעטראכט מיין פרוי די המן־טאשען און קלייבט אויס פון זיי דריי פון די שעהנסטע, פאקט זיי איין און הייסט מיך אוועקנעטראַגען די דריי המן־טאשען צו משה קאפויר. זאָל ער אויך וויסען פון דעם יום טוב פורים — זאָגט מיין פרוי.

פאָלג איך מיין פרוי און טראָג אוועק די דריי המן־טאשען צו משה'ן.

ווי נאר איך האב געעפענט די טהיר, האט ער באלד אויסגעּרופען:

— גוד באי, קאַוונער! וואָס מאכסטו? וואָס מאכען דיינע קינדער?

——אָלל־רייט.

— דאָס איז ביטער — האָט משה געענטפערט מיט א זיפץ.

איך האב געשמייכעלט, ווייל איך וויים, אז ביי משה'ן איז אלעס קאפויר. אז ער זאָגט ב י ט ע ר, מיינט ער, אז ס'טהוט איהם הנאה.

— און וואָס מאכט דיין אידענע? — פרעגט ער ווייטער.

— געזונד און שטארק.

— דאָס איז גאָר אין דר'ערד — האָט משה ווידער געענטפערט קאפויר.

איך האב ארויסגענומען די דריי המן־טאשען און זיי דערלאַנגט משה'ן.

— וואָס איז דאָס?

— המן־טאשען! מיין ווייבעל האט דיר געשיקט א מתנה, היינט איז דאך פורים.

— היינט איז ערב יום כפור, נים פורים, האט משה געענט־פערט.

— ביזטו פערריקט? ווי קען היינט זיין ערב יום כפור, אז צו פסח איז פיער וואכען?

— איך קוק נים אויף די זאכען — ענטפערט משה — ביי מיר איי היינט ערב יום כפור און דאטסאלל! איך האב שוין היינט גע־שלאגען כפרות און מארגען וועל איך פאסטען און זיך שלאגען אין הארצען „על חטא" און פאלען כורעים. איך האב זיך פיינט צו פיהרען ווי די וועלט פיהרט זיך.

— משה, זיי נים קיין עקשן און קום מיט מיר היינט אין שוהל הערען לייענען די מגילה.

— איך וועל נים געהן!

— פאר וואס?

— ווייל, אז איך הער לייענען די מגילה וויין איך.

און ער האט מיר צוריקגעגעבען די דריי המן־טאשען.

די פרוי און די קינדערלאך זיינע, האבען זיך געבעטען ביי איהם, ער זאל זיך נים משוגע מאכען און צונעהמען די המן־טאשען, אבער משה האט אויסגעפיהרט. „ווייל ביי די גאנצע וועלט איז היינט פ ו ר י ם, איז ביי מיר י ו ם ־ כ פ ו ר!" — האט ער ארויסגע־הערט מיט שטאלץ.

— משה — האב איך איהם געפרעגט — וואס וועט זיין דער סוף פון דיר?

— דער זעלבער סוף וואס דיינער! — האט ער געענטפערט — מיר וועלעןביידע אוועק פון דער וועלט, אז א האהן וועט נים קרעהען.

— וואס מיינסטו דערמיט?

— איך מיין — — — אבער לאמיר בעסער ריידען פון פרעה־ליכערע זאכען: וואס הערט זיך מיט דער מלחמה?

# משה האַלט אַ דרשה אויף אַ בית-עולם.

אין אַ געוויסען זונטאג האָב איך בעגעגענט אין גאַס אַ אידען וואָס איז געגאַנגען הינטערוויילעכטס.

איך האָב זיך אַנגעשטויסען אָן איהם. דאָס איז געוועזן מיין בעריהמטער לאַנדסמאַן.

— העלאָו, משה! — האָב איך איהם דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבער'ן קאַפּעלוש.

ער האָט זיך אומגעדרעהט און אויסגערופען מיט שמחה:

— גוד באַי, קאַוונער! גריס דיין ווייבעל מיט די קינדער.

דאַן האָט משה אַ קרעכץ געטהאָן.

— וואָס קרעכצסטו, משה?

— ווייל ס'איז היינט ביי מיר אַ גרויסע שמחה.

— וואָס פאַר אַ שמחה?

— מיין סאָסייעטי האָט געקויפט קרקע ספּעציעל צו בעגראָבען איהרע ברידער. זעהר אַ שעהן פעלד. אָהן ווערים, אָהן מאָסקי־טאָס, אָהן זומפּען, אַ געזונטער קלימאַט. עס וועט זיין אַ רעגעלער פּלעזשור דאָרטען בעגראָבען צו ווערען.

— פאָהרען מיר דאָס היינט אַרויס דאָס פעלד „צו הייליגען" און דערנאָך וועלען מיר זיך אַמוזירען און האָבען פאַן. מען נעהמט מיט אַ וואַגען מיט ביער און סענדוויטשעס, באַנאַנעס, קענדי, קייק און אַ רב מיט אַ רויטער באָרד.

— וואָס טויג אייך אַ רב?

— דער רב וועט זאָגען אַ תפילה און האַלטען אַ רעדע.

— וואָס־זשע וועסטו טהאָן?

— איך וועל אויך זאָגען עטליכע ווערטער.

און משה האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל מיטפאָהרען מיט איהם. „ניט אַלע טאָג“ — האָט ער געזאָגט — „מאַכט זיך אזא פלעזשור“.

ביז איך מיטגעפאָהרען.

ווען מיר זיינען ארויף אויפ'ן בית עולם, האָט דער רב געהאַל־טען אין זאָגען א תפילה. אז דער רב האָט געענדיגט, האָט מען גע־נומען צו גלעזלאך ביער און פערביסען מיט סענדוויטשעס. דאן האָט מען פארגעשטעלט משה'ן.

„ברידער און שוועסטער און לאַדסלייט!

„מיר האָבען זיך דאָ פערזאַמעלט צו פייערען א גרויסע שמחה. ניט אַלע מיטוואָך און זונטאג מאַכען זיך אזעלכע שמחות. זאָל גאָט געבען, אז דאָס „הייליג“ ארט זאָל ניט בלייבען ליידיג; עס זאָל זיך וואָס גיכער אויספילען מיט אונזערע ברידער. דאָס „היי־ליג“ אָרט איז, קיין עין הרע, א גרויס פעלד. מיר האָבען אויסגע־רעכענט, אז אויף יעדער לאָט קענען ליגען צווישען פופצעהן און זעכצעהן מתים. און אזוי ווי מיר האָבען קיין עין הרע זעקס לאָטס, האָבען מיר פּלאַץ פאר קנאַפע הונדערט מתים.

„אלזא, זעהט אונז ניט צו פערשעהמען, און זאָל זיין מיט מזל און מיט ברכה! גאָט זאָל העלפען, אז פון היינט איבער א יאָהר זאָ־לען מיר מחדש זיין א צווייטען בית עולם. ווי געזאָגט, איז די ערד פון אונזער נייעם בית עולם זעהר א גוטע ערד. א טרוקענע: די לופט, ווי איהר זעהט, איז אויך א גוטע און — דער עיקר — א גע־זונטע. דער „נעיבאָרהוד“ איז א פיינער. קיין קאַרס געהען דאָ ניט. קיין עלעווייטערס רוישען דאָ ניט און קיין אויטאָמאָבילס פער'עפּוש'ען ניט דעם געגענד מיט זייער געזאַלין.

„איהר דאַרפט מיר ניט גלויבען אויפ'ן וואָרט, מיינע שוועסטער און ברידער! די איינציגע זאַך וואָס אייך בלייבט איבער איז: צו טרייען; ווענט אייך געפעלען, איז אודאי גוט, טאָמער ניט — וועט איהר מעגען מופען. קיינער וועט אייך ניט צוהאַלטען.

„און ווייטער, מיינע שוועסטער און ברידער, זאָלט איהר אין

זינען האבען, אז מיר זיינען ניט פון די לענדלארדס, וואס שטעלען ארויס זייערע „טענענטס" אין גאס פאר ניט צאהלען קיין רענט. ביי אונז וועט איהר קענען אפוואוינען אייער גאנצען לעבען און קיינער וועט אייך ניט באדרערן.

„נאך א זאך: מיר פרעגען ניט וויפיעל קינדער איהר האט און אויב איהר זייט א איד.

„ווי אויך נעהמען מיר ניט אריין מעהר ווי א י י ן פערזאן אין א קבר. עס וועט אייך, אים ירצה השם, זיין דא א סך גראמער ווי עס איז אייך אין אייערע טענעמענט־הייזער. און קיין באר־דערס וועט איהר אויך ניט דארפען האלטען; און קריכען 4 און 5 שטיגען יעדען טאג, וועט איהר אויך ניט דארפען. און אויפ'ן „רוף" און אויפ'ן „פייער עסקייפ" וועט איהר אויך ניט דארפען שלאפען. און די יונגע לייט וואס וועלען מיט גאט'ס הילף מופען אין אונזער קרקע אריין, וועלען זיין פריי פון מיליטער דיענסט.

„אלזא, מיינע ברידער און שוועסטער, ווי איהר זעהט, איז אונ־זער „הייליג ארט" פאר אייך אפען דעם גאנצען טאג. לייגט ניט אפ אויף שפעטער און קומט אין מאסען, נעהמט מיט אייערע פריינד און בעקאנטע.

„רייזע־קאסטען פריי".

משה האט געוואלט ווידער רעדען, אבער דא איז צוגעגאנגען צו איהם פישעל דוד דער מלמד, וועלכער בעלאנגט אויך צו דער סאסיי־עטי, און א ציה געטהאן משה'ן פאר'ן ארבעל: „משה", האט פי־שעל דוד געזאגט — „אזוי ווי דו ביזט שטארק צופריעדען פון אונ־זער נייעם בית עלמן, וואלט ניט געשאדט, אז דו זאלסט זיי דער ערשטער דאס צו בענייען. ווייז א סעמפעל. מיר'ן דיר אפגעבען דעם אויבענאן און דיר מאכען א לויה כיד המלך. זייט דו לעבסט האסטו נאך אזא לויה ניט געהאט.

דערמיט האט זיך ד צערעמאניע געענדיגט. מען האט זיך משמח געווען ביז דער הימעל האט אנגעצונדען דעם ערשטען שטע־רען.

# משה האָט טראָבעל.

— גוד באי, קאוונער! וואס מאכט עפּעס דיין ד ר י ט ע העלפט?

— דו מיינסט אודאי מיין צ ו ו י י ט ע העלפט?

— יאָ.

— נישקשה. און וואס מאכסטו?

— איך מאך מיט די זייטען.

— וואסי?

— וואס זאָל זיין? טראָבעל.

און ער האָט מיר דערצעהלט, אז ער האָט טראָבעל מיט א אידי־שען טהעאטער: ער האָט געהאט ביי זיך א טיקעט אין א אידיש טהעאטער און מיט א טרענספער אויף א סטריט־קאר. האָט ער — פאהרענדיג אין טהעאטער — געגעבען דעם קאָנדוקטאָר דעם טהע־אטער טיקעט און דעם מאן פון טהעאטער האָט ער דערלאנגט דעם טרענספער. האָט דער טהיר־שטעהער פון טהעאטער איהם ניט געוואלט איינלאזען. אז מען געהט אין טהעאטער, האָט דער טהיר־שטעהער גע'טענה'ט, דארף מען האבען א בילעט, ניט קיין טרענספער. טרענספערס זיינען בעשאפען פאר א קאר, ניט פאר א טהעאטער!

האָט איהם משה געענטפערט, אז ער לאכט זיך אוים פון זיינע טענות; אז ביי איהם איז אנדערש; אז ער פיהרט זיך קאפויר: ער גיט דעם טהעאטער־טיקעט דעם קאָנדוקטאָר און דעם טרענס־פער אין טהעאטער.

האָט איהם דער מאן, וואס נעהמט צו די טיקעטס, אוועקגע־טריבען. האָט איהם משה דערפאר גוט אנגעזידעלט. האָט מען איהם דערלאנגט פעטש. האָט ער געמאכט א סקאנדאל און זיך

אריינגעריסען אין טהעאטער אָהן אַ טיקעט. האָט מען איהם גאנץ שעהן ארויסגעפיהרט און איבערגעגעבען צו אַ ספּעשעל פּאָליסמאַן.

האָט איהם דער ספּעשעל פּאָליסמאַן אויך דערלאַנגט קלעפּ, און איהם איבערגעגעבען צו אַ רעגעלען פּאָליסמאַן.

איז ער געזעסען זעקס שטונדען, און נאָך די זעקס שטונדען איז געווען אַ טריעל און מען האָט איהם געהייסען בעצאָהלען 5 דאָלאַר פאר'ן טראַבעל.

האָט משה געפרעגט: וואָס פאר אַ טראָבעל האָט דער טהעאטער געהאט פון מיר? איך האָב דאָך גאָר געהאט דעם טראָבעל!

האָט איהם דער דזשאַדזש געהייסען שווייגען און בעצאָהלען.

האָט ער ניט געוואָלט, האָט מען איהם צוריק אריינגעזעצט.

איז געקומען זיינע אַ טאַנטע, וואָס ער, משה, רופט איהר סענדער נח, און בעצאָהלט פאר איהם דאָס געלד. איצט וויל ער אַנלערנען אמעריקא פאר דעם טראָבעל וואָס מען האָט איהם פערשאַפט.

האָב איך איהם געזאָגט, אז ער וועט גאָר ניט אויספיהרען מיט אַמעריקא.

האָט ער מיר געענטפערט, אז איהם אַרט דאָס זעהר ווענינ; ער וויל בלויז געבען אַ לעסאָן די הינע פּאָליציי אין אנשטענדינקייט.

ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אז ער האָט געהאלטען אַ רעדע ביי זיך אין שאַפּ, און גערעדט האָט ער וועגען סטרייקען. די ארבייטער פון זיין שאַפּ האָבען בעשלאָסען צו סטרייקען. אזוי ווי אין צוויי וואָכען ארום הויבט זיך אָן דער סיזאָן, איז איצט די גינסטיגסטע צייט ארויסצורייסען פון'ם באָס אַ טאָלער מעהר און אַ שטונדע וויינינער אַרבייט. אזוי האָבען גע'טענה'ט די ארבייטער. האָט משה גענומען דאָס וואָרט און פּראָטעסטירט, גערופען די ארבייטער אידיאָטען און זיי אויפגעוויזען, אז ווען דער סיזאָן שטעהט אויפ'ן שוועל לוינט זיך זיי ניט ארויסצוגעהן סטרייקען. די בעסטע זאַך, האָט ער געזאָגט, איז אָפּארבייטען דעם סיזאָן, און ווען דער סיזאָן וועט זיין געענדיגט און עס וועט ווערען סלעק, זאָל

מען דאמאלט סטרייקען. סטרייקען — האט ער געזאגט צו די אר־בייטער — איז נור גוט דאן ווען מען ארבייט ניט. דעמאלט איז דא א סך צייט צו סטרייקען.

ער האט מיר אויך דערצעהלט, אז ער האט איינגעפיהרט א נייעס ביי זיך אין שאפ. די נייעס בעשטעהט אין דעם, וואס ער האט ניט געהייסען איינפעדימען די מאשינען; מען זאל טרייען נעהען אהן פאדים. עס האט זיך טאקע ניט גענעהט, אבער געטרייט האט מען.

# משה ווערט אַ דראַמאַטורג.

איין מאָל האָב איך משה'ן בעגעגענט אין מעדיסאָן סקוועער גאָר־דען ביי דער פייערונג פון ניקאָלאַי'ס מפּלה.

דער גרויסער בעגייסטערטער עולם האָט געשריען „הורראַ ראָר דער רוסישער רעוואָלוציאָן!" „עס לעבע די פרייהייט!" נור משה איז געווען דער איינציגער וואָס האָט געוואָלדעוועט: „עס לעבע דער צאַר! עס לעבע די פינסטערע רוסלאַנד!"

ער האָט אַזוי לאַנג געשריען, ביז ער איז הייזעריג געוואָרען.

אהיים געהענדיג פון מעדיסאָן סקעוור גאַרדען, האָט מיר משה דערצעהלט, אַז ער האָט איצט טראָבעל מיט אַ טהעאַטער מענעדזשער.

— מיט אַ אידישען?

— יאָ.

— וואָס איז דער טראָבעל?

— איך האָב צרות מיט אַ פּיעסע. ער, דער מענעדזשער, האָט ביי מיר בעשטעלט אַ פּיעסע. בין איך געגאַנגען און אָנגעשריבען אַ פּיעסע אין פיער אַקטען מיט אַן עפּילאָג און אַ פּראָלאָג. נור אַזוי ווי איך שרייב אויף מ י י ן סטייל, האָב איך אָנגעשריבען די דראַמאַ אַנדערש ווי אַלע דראַמאַס.

— וואָס הייסט אַנדערש?

— אַנדערש הייסט פערקעהרט, קאַפּויר'דיג.

— איך פערשטעה דיך ניט.

— אַלע דראַמעס הויבען זיך אָן, ווי דו ווייסט, מיט'ן פּ ר אָ־ל אָ ג. דאַן קומט דער ערשטער אַקט, דאַן דער צווייטער, דאַן דער דריטער, דאַן דער פערטער און צום סוף — דער עפּילאָג.

— ביי מיר קומט אויס צוערשט דער עפּילאָג, דאַן דער פער־

טער אקט, דאַן דער דריטער, דאַן דער צווייטער, דאַן דער ערשטער און גאָר צום סוף — דער פּראָלאָג.

— און נאָכ'ן פּראָלאָג?

— נאָכ'ן פּראָלאָג פערלעשט מען די ליכט און דער עולם געהט אַהיים שלאָפען.

— האָט דער מענעדזשער ניט געוואָלט קויפען אזא פּיעסע?

— ניין.

— פאַר וואס?

— ער וויל האָבען — האָט ער גע'טענה'ט — אַ פּיעסע, ווי אַלע פּיעסען. עס זאָל זיך אָנהויבען מיט'ן פּראָלאָג, דאַן זאָל קומען דער ערשטער אקט און זיך ענדיגען מיט'ן פּראָלאָג. ווייל אזא פּיעסע ווי מיינע וועט דאָס פּובליקום ניט פערשטעהן.

— האָב איך איהם געענטפערט אַז איך פייף אויף איהם מיט'ן גאַנצען טהעאַטער אין איינעם און איך לאַך זיך אויס פון'ם פּובליקום: דאָס פּובליקום פערשטעהט ניט קיין ליטערישע פּיעסען; און איך וועל זיך צום פּובליקום ניט אַרונטערלאָזען, איך וויל דאָס פּובליקום אַרויפהויבען צו זיך.

האָט דער מענעדזשער געלאַכט פון מיר און מיך גערופען משוגענער. האָב איך איהם גערופען סאַקער... האָט מיך דער מענעדזשער געהייסען אַרויסוואַרפען און מיר נאָכוואַרפען מיין פּיעסע. בין איך געפאַלען אויפ'ן „סיידוואָק" און די פּיעסע מיינע אויף די קאַר טרעקס איז אונטערגעקומען אַ קאַר און איבערגעפאָהרען די פּיעסע. איז די פּיעסע צופּיצעלט געוואָרען אין שטיקער. האָב איך אָנגעקלאָגט דעם מענעדזשער אין קאָורט אויף צוויי טויזענד דאָלאַר היזק.

— וויל דער מענעדזשער מיט מיר ניט סעטלען. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט מיר געבען טויזענד דאָלאַר, פינף הונדערט דאָלאַר, עפּעס. אַ נעבעכטיגער טאָג! ער מאַכט זיך גאָר ניט וויסענדיג! אָט אַזעלכע זשוליקעס זיינען זיי, די היגע טהעאַטער מענעדזשערס!

# משה טרייסט אַ מאַמען.

דאס מאָל האב איך משה'ן געטראָפען שטעהן אין העסטער פארק לעבען אַן עלטערער פרוי וואס האט געוויינט און זיך געווישט די טרעהרען מיט אַ ברעג פון פארטוך.

די פרוי האט געוויינט, ווייל מען האט איהרען אַ זוהן אָב־געגעבען פאר אזעלנער. דער גאנצער זוהן — האט זי גע'טענה'ט — איז נאָך גאר אַ יונגער בוים, און שוין געהט מען איהם אונטער־האקען זיינע יאהרען.

לעבען איהר זיינען געשטאנען אנדערע מאמעס און מיטגע־וויינט מיט איהר. אפילו מאנסבילען האבען געזיפצט.

אט מיט דער דאזיגער עלענדער מוטער האט משה איינגע'־טענה'ט: מיסעס, האט ער געזאגט, מיסעס, מאכט זיך ניט נאַ־ריש; אייער וויינען איז לעכערליך. וויינען איז איבערהויפט ניט שעהן פאר עלטערע מענשען. דאס וויינען איז אַ סמן פון ניט העלדישקייט; אַ העלד וויינט ניט; טרוסען וויינען. איהר דארפט זיין צופריעדען, וואס אייער זוהן האט געהאט די זכיה מען זאָל איהם צונעהמען. דאס בעווייזט, אַז איהר האט אַ געזונטען זוהן. קראנקע נעהמט מען ניט. ניט איין מאמע וועט אייך מקנא זיין. אַ קלייניגקייט, האבען אַ זעלנער אין דער ארמע. פערקעהרט: ווען איך בין אויף אייער פלאץ, וואלט איך געמאכט אַ „פאַרי" פאר אלע מיינע גוטע פריינד; זאָלען זיי זיך אויך פרעהען מיט מיין שמחה.

דאַ האָט מיך משה דערזעהן. ער האט מיר דערלאנגט די לינקע האנד און אויסגערופען אויף זיין שטייגער:

— גוד ביי, קאוונער!

די אלטע מוטער, וואס האט געוויינט, האט מיך געפרעגט ווי איך קום צו אזא משוגענעם.

אוועקגעהענדיג מיט משה'ן פון דער וויינענדיגער מוטער, האט ער מיר דערצעהלט, אז ער איז נעכטען געווען אויף א ברית ביי א בעקאנטען. האט ער דארט געהאלטען א רעדע, האט מען איהם נאך דער רעדע ארויסגעווארפען פון הויז.

— וואס פאר א רעדע האסטו דארט געהאלטען?

— א גוטע רעדע, א לאגישע, א שכל'דיגע.

— איבער וואס האסטו גערעדט?

— איבער פערשיעדענעם.

— למשל?

— צוערשט האב איך גערעדט, אז די ברית'ן אויף דער וועלט זיינען אן איבריגע זאך. אז דאס וואס אידישע קינדער ווערען גע־בויהרען, איז א טויט קלאפ פאר'ן אידישען פאלק. מענשען דארפען ניט חתונה האבען, און אויב זיי האבען חתונה זאלען זיי ניט וואה־נען צוזאמען. און אז זיי וואהנען צוזאמען, דארפען זיי ניט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט, און אז עס ווערען שוין יא געבארען קינדער, איז די גלייכסטע זאך פאר זיי, אז זיי זאלען באלד אין קינדבעט אוועקשטארבען.

ווייטער האב איך גערעדט וועגען „קאפיטאל און ארבייט". איך האב בעוויזען די געסט, אז די ארבייטער האבען ניט רעכט, אז די באסעס זיינען פיינע מענשען מיט גילדערנע הערצער. אז מען דארף מיט זיי קיינמאל ניט סטרייקען, אז זיי גיבען אליין א רייז. אז ביי זיי שפיעלט געלד א קנאפע ראלע.

איינמאל האבען די ארבייטער פון זיין שאפ אויסגעפונען, אז ער דערצעהלט אפ דעם באס אלעס, וואס די יוניאן בעשליסט, זיי־נען זיי געפאלען אויף א שכל: געשיקט צו איהם א ספעציעלע קא־מיטע איהם בעטען אז ער זאל אלע זייערע בעשליסע איבערגעבען דעם באס. און אויב ער וועט דאס טהאן, וועט ער קריגען א פיינע מתנה. האט משה אויסגעהערט די קאמיטע און געזאגט:

— חברה, איך האב דאס אלע מאל געטהאן אהן אייך; אבער ווען? ווען איהר האט מיר ניט געהייסען; טאמער אבער ווילט איהר אויסדריקליך, אז איך זאל דאס טהאן מיט אייער ווי־סען, ווערט איהר דאס ביי מיר ניט פועל'ן! ווייל איהר הייסט מיר דערצעהלען, וועל איך דוקא ניט דערצעהלען!

— דו האסט עפעס ליעב די באסעם? — האב איך איהם געפרעגט.

— די באסעם? ס'ארא פראגע!

— דו ווייסט אבער ווי די ארבייטער קוקען אויף באסעם?

— איך ווייס, ביי די ארבייטער זיינען די באסעם בלוט־שינדער און הויט־זויגער.

— דו מיינסט פערקעהרט: הויט־שינדער און בלוט־זויגער.

— דאטסרייט.

הקיצור משה האט ביי דעם ברית שלעכט אבגעשניטען. נאך דער דרשה האט מען איהם ארויסגעווארפען.

משה האט א לאך געטהאן:

— וואס לאכסטו, משה?

— דאס זיפץ איך אזוי — האט משה געענטפערט. ביי מיר איז א לאך א זיפץ.

— ביזט א משוגענער.

— בין איך!

# ווי משה פאלט כורעים.

אזוי ווי מיין לאנדסמאן, משה קאפויר, איז אייך שוין גוט בעקאנט, און איהר ווייסט שוין, אז ער זיצט שמונה עשרה און שטעהט שבעה. אז ער גלייכט זיך פריהער גט'ן און נאכדעם חתונה האבען; אז ער טראגט זיינע קליידער איבערגעקעהרט, און ביי א לויה לאכט ער און ביי א חופה וויינט ער — אט פון דיזען העלד מיינעם, וואס טהוט אלץ קאפויר ווי די וועלט טהוט, האב איך ווידער געזעהן עטוואס, וואס לויינט זיך דערצעהלען.

דאס איז געוועזן יום כפור. איך בין געגאנגען שפאציערען אויף דער צווייטער עוועניו. די אידישע יונגע לייט זיינען געזעסען אין די קריסטליכע רעסטאראנען און זיך געלאזט וואויל־געהן. ווער ביי א קלעם־טשאודער, ווער ביי א געבראטענעם לאבסטער, ווער ביי א פלייטעל אויסטערס, ווער ביי א העם־סענדוויטש; ווער ביי א קאפע מיט פאי און ווער ביי א סטייקעל געפרעגעלט אויף פוטער.

פון די אמת'ע יום כפור'דיגע מאכלים!

קורץ, געהענדיג אזוי אויף דער צווייטער עוועניו, האב איך בעגעגענט מיין פריינד, משה קאפויר.

— העללאו, משה! וואו געהסטו? — פרעג איך ביי איהם.

— איך געה אין שוהל — ענטפערט מיר משה — אין דער אונגארישער שוהל. איך דאווען דארט. אויב דו ווילסט, קום אויך, וועסטו הערען א גוטען חזן. דו קענסט זיך פארשטעלען ס'ארא חזן ער איז, אז ער זאלט א פאנאגראף־סטאר.

— מען וועט מיך דען אריינלאזען אהין אהן א טיקעט? — פרעג איך משה'ן.

— אז דו געהסט מיט מיר וועט מען דיר אריינלאזען.

צוקומענדיג צום אריינגאנג פון שוהל, האט משה א וואונק געטהאן מיט דעם רעכטען אויג צום טהיר־שטעהער און מען האט מיך אריינגעלאזט.

משה האט באלד פערנומען זיין פלאץ, זיך איינגעוויקעלט אין טלית און גענומען דעם מחזור אין האנד.

איך טהו א קוק, ער האלט א פסח'דיגען מחזור!

— ביזטו משוגע, משה? היינט איז דאך יום כפור, וואס דאר־ווענסטו עפעס פון א פסח'דיגען מחזור?

— אזוי טהו איך אימער! — האט מיר משה געענטפערט — דו דארפסט מיך שוין קאנען; איך האב פיינט נאכצוקרימען די וועלט. איך האב ליעב צו זיין זעלבסטשטענדיג, אריגינעל.

דא האט דער חזן גענומען זאגען די „ע ב ו ד ה". די לופט אין שוהל איז געווען א שטיקענדע; די גרויסע יום כפור ליכט האבען זיך געשמאלצען, די פרויען אויף דער גאלעריע האבען ארונטערגע־קוקט צו די מאנסבילען מיט זויערע פנים'ער, און די מאנסבילען האבען אלע ווייסע געווארפען אויגען און אויסגעזוכט מיט די בלי־קען די שעהנסטע ווייבלאך.

און דער חזן ציקעלט זיך, דרעהט פון אלע זייטען דעם „והכהנים" און אט — פאלט דער עולם „כ ו ר ע י ם". אלע אידען פון שוהל ליינען זיך אויס אויף דער ערד מיט די בייכער אראפ, ליגען א פאר מינוטען און הויבען זיך צוריק אויף. דער איינציגער וואס איז געבליבען ליגען איז געווען — מ ש ה.

און ניט מיט'ן בויך אראפ, נאר דוקא מיט'ן בויך ארויף.

ווייל אלע אידען זיינען געפאלען מיט'ן בויך אראפ, איז ער גע־פאלען מיט'ן בויך ארויף; ווייל אלע אידען האבען זיך אויפגעהוי־בען, איז ער דוקא געבליבען ליגען. און אזוי ליגענדיג אויפ'ן רו־קען, האט ער געענדיגט דאס גאנצע דאווענען. און ניט דאס יום כפור'דיגע דאווענען, נאר דאס פסח'דיגע.

איך האב איהם געלאזען ליגען און אוועק אהיים.

אויף מארגען האב איך פון משה'ן ערהאלטען א פאסטעל־קארד, וואו ער פערבעט מיך צו זיך אויף שמחת תורה. ער וויל, זאגט ער, אז איך זאל זעהן ווי ער שלאגט כפרות. ווייל אלע שמחת תורה שלאגט ער כפרות און ערב יום כפור מאכט ער הקפות.

# משה געהט צו א דאָקטאָר.

— העללאָ, משה! — האב איך אויסגערופען שטארק צו־פריעדען — וואס מאכסטו? שוין א צייט ניט געזעהן!

— בין געוועזען געזונד — האט מיר משה געענטפערט מיט א זיפץ.

— אז דו זי״ ״י געזונד, מיינסטו אודאי, אז דו ביזט געווען קראנק?

— ניין.

— ניין מיינט דאך ביי דיר יא.

— יא.

— וואס איז דיר געווען, משה?

— א דאקטאר האט מיך קראנק געמאכט.

— ווי אזוי?

— איך האב עפעס ניט געפיהלט ווי אם בעסטען: דער קאפ האט זיך מיר געדרעהט, דאס הארץ האט מיר געקלאפט, די זייטען געשטאכען, קיין אפעטיט צום עסען ניט געהאט, קיין עסען צום אפעטיט אויך ניט, איז מיר איינגעפאלען געהן צו א דאקטאר. אריין צום דאקטאר, ארונטערגענומען דאס היטעל און איהם גע־פרעגט, ווי ער פיהלט זיך אין געזונד; אויב ער האט צרות פון׳ם מאגען; אויב ער שלאפט ביי אפענע פענסטער; אויב ער האט שלעכטע חלומות; אויב ער האט א ווייסע צונג און אויב ער אר־בייט ניט צו שווער.

האט מיר דער דאקטאר אנגעקוקט ווי א משוגענעם; ניט פער־שטאנען וואס איך וויל האבען פון איהם.

האב איך איהם ערקלעהרט, אז איך הייס משה קאפויר און איך מהו אלץ פערקעהרט: אנשטאט ער זאל מיר שטעלען די אלע פראגען, שטעל א י ך איהם פראגען. אט אזא מענש בין איך.

זאגט דער דאקטאר:

— איהר זייט פעררי‏קט.

וויל ער מיך ארויסטרייבען; האב איך מיך ניט געלאזען; האט ער אנגעהעצט אויף מיר דעם דזשעניטאר פון הויז, ער זאל מיך שלאגען. האט חער דזשעניטאר געמאכט א פוירסט־קלעס דזשאב. דער סוף איז געווען, אז פון דאקטאר האט מען מיך צוגענומען אין א האספיטאל.

— ווי לאנג ביזטו דארט געלעגען? — האב איך געפרעגט משה'ן.

— איך בין דארט ניט געלעגען — האט מיר משה געענטפערט

— איך בין געזעסען, געשטאנען, ארומגעקראכען, אבער ניט גע־לעגען; משה ליגט ניט אין קיין האספיטאל!

# משה געהט צו א לויה.

נעכטען, בעת די זון האט געשיינט און געווארעמט, און א מחיה'דיג ווינטעל האט אנגעזאגט, אז דער פריהלינג איז שוין אויפ'ן וועג, האב איך געטראפען געהן א אידען מיט אן אויפגעמאכטען חעגען־שירם, בעגלייט פון א חברה לויפערס.

דאס איז געווען מיין וועלט־באריהמטער לאנדסמאן, משה קא־פויר.

— גוט באי, קאוונער! — האט משה אויסגערופען מלא שמחה

— וואס מאכט דיין פרוי?

— געזונד, א דאנקען גאט.

— דאס איז שלעכט! — האט משה געענטפערט מיט א זיפץ.

— און דו וואסט מאכסט?

— איך בין אויף צרות.

— אויף צרות הייסט דאך ביי דיר, אז דו ביזט אלל־רייט.

— ניין.

— ניין הייסט דאך ביי דיר יא.

— יא.

— וואו געהסטו, משה?

— איך געה קויפען אן אתרוג אויף פסח.

— א וואס?

— אן אתרוג מיט א לולב!

— דו מיינסט אודאי צו זאגען, אז דו געהסט קויפען מצות.

— איך עס ניט פסח קיין מצות!

— וואס דען?

— איך עס חמץ. אט אזא מענש בין איך! איך האב זיך

פיינט נאַכצושלעפּען נאָך דער מאַדזשאַריטי. די מאַדזשאַריטי איז דום, ניט פּראָגרעסיוו, איך פייף אויף דער מאַדזשאַריטי!

און משה האָט פאַרמאַכט דעם רעגען־שירם, מיך גענומען אונ־טערען אָרעם און מיר דערצעהלט, אַז ער האָט זיך לעצטע וואָך געקויפט אַ זייגערל נאָך זיין געשמאַק נאָך. גאַנץ ניו יאָרק איז ער אויסגעוועזן.

— וואָס פאַר אַ סאָרט זייגערל איז דאָס?

— אַ זייגערל וואָס געהט פאַרקעהרט, אויף צוריק. און ער האָט אַרויסגענומען דאָס זייגערל און מיר געוויזען:

— זעהסט ווי די ווייזערלאַך שטעהען? איצט איז עלף, אַ יאָ? אין אַ שעה אַרום וועט זיין צ ע ה ן, דאַן וועט זיין נ י י ן, דאַן אַ כ ט, אַזוי כסדר. איך האָב בעצאָהלט אַ זייגער־מאַכער פינף דאָלאַר, ער זאָל דאָס מאַכען אַזוי געהן.

ווייטער האָט ער מיר דערצעהלט, אַז ער האָט טראַבעל מיט זיינע אַ געוועזענע באָסעכע.

— וואָס איז דער טראַבעל?

— דער טראַבעל איז אַ פּשוט'ער: מיין געוועזענער באָס איז געשטאָרבען, בין איך אַוועק צו דער לויה; בין איך צוגעגאַנגען צו דער פערוויינטער באָסעכע און איהר געוואָלט טרייסטען. אַנשטאָט צו זאָגען: „סוף כל אדם למות" האָב איך געזאָגט: „סוף גנב לתליה".

איז זי געוואָרען שטאַרק אין כעס אויף מיר, און מיך גענומען בעליידיגען. האָב איך איהר ניט געשוויגען. האָט זי אָנגעגעבען אויף מיר אין קאָורט. האָב איך מאָרגען די טרייעל. וועדליג דער לאָיער זאָגט, וועט מיך דער עסק קאָסטען עטליכע דאָלאַר.

ווייטער האָט ער מיר דערצעהלט, אַז ער האָט בעשטעלט פאַר זיין שוויגער אַ מצבה. און גאָר פון איבען וואו עס דאַרף זיין אויסגעהאַקט „פּה נקבר", האָט ער געלאָזט אויסהאַקען מיט גרויסע אותיות „מזל טוב!" האָט ער צרות פון זיין אידענע. זי וויל ניט האָבען, זאָגט זי, דעם „מזל טוב" אויף איהר מאַמעס מצבה! טתוט

זיך אפּ חושך! זי וויינט און ער לאכט. ער לאכט און זי וויינט. דערווייל ליגט די שוויגער „זאל לעבען“ אהן א מצבה.

משה האט זיך אויך בעקלאגט פאר מיר, אז ער האט שוין א פאר נעכט ניט געשלאפען.

— פאר וואס?

— ווייל מיין אידענע האט אריינגענומען א מיידעל אין הויז. א מיידעל — בלוט און מילך; שעהן ווי אלע זונען. נור זעהר א נארישע; א בהמה! נור זי לאכט! נור זי הירזשעט! נור זי טאנצט!

—איז דאך גוט אזא מיידעל אין הויז.

— איך האב עס פיינט. די לעצטע עטליכע נעכט איז זי אליין געווען אין הויז. מיין פרוי מיט די קינדער זיינען אוועק אין יאנקערס צו א בעקאנטען אויף עטליכע טעג. האב איך ניט געוואלט שלאפען אונטער איין דאך מיט אזא מיידעל.

— ביזטו דאך א נאר.

— בין איך! איך האב פיינט נאכצוטאנצען אונזערע מענער. אין אזעלכע זאכען בין איך א דזשענטלמאן.

# משה טראָגט אַ מאָדנעם באַנער.

איך בין געגאַנגען זעהן דעם „הונגער־מאַרטש" פון די אָרימע פּרויען, וועלכע ליידען אַזוי שטאַרק פון'ם יקרות.

דער הימעל איבער'ן העסטער פּאַרק איז געווען לויטער און בלאָה און אויסגעצוואָגען. זייט העסטער פּאַרק לעבט, האָט ער נאָך אַזאַ שעהנעם הימעל ניט געזעהן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער הימעל האָט נעבעך פערבלאַנדזשעט אין אַ פרעמדען געגענד.

אַ סך אידען זיינען געשטאַנען מיט פערדריסענע קעפּ און זיך געוואונדערט: ווי קומט צום העסטער פּאַרק אַזאַ שעהנער הימעל? דער הימעל איז אודאי בעשטימט געוואָרען פאַר סענטראַל פּאַרק, פאַר די מיליאָנערען.

די זון האָט פאַנאַנדערגעלאָזען איהרע גאָלדענע צעפּ ווי אַ שעהנע כלה־מיידעל, און געשטראַהלט מיט פרייד.

אונזערע פּרויען האָבען זיך בענוצט מיט דעם ליעבען טאָג: זיי האָבען זיך גענומען זאַמלען צום מאַרטש פון אַלע געסלאַך און גאַסען; פון אַלע ווינקעלעך פון דעם אידישען קוואַרטאַל. רויטע און בלויע סוועטערס האָבען געשימירירט פאַר די אויגען. יונגע מאַמעס מיט בייבי קערידזשלאַך האָבען זיך געאיילט און געשטעלט שנעלע טריט. און געהענדיג האָבען זיי גערעדט צו זייערע בייביס לעך אויף בייבי־לשון. די בייבים האָבען זיס געשמייכעלט.

עלטערע ווייבער אין שאַלען און מיט שייטלעך אויף די קעפּ האָבען זיך געצויגען לאַנגזאַמער, אָבער אַלע זיינען זיי געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיי מאַרטשען פאַר אַ גערעכטע זאַך.

מיט יעדער מינוט איז דער העסטער פּאַרק געוואָרען אַלץ געדיכטער און געדיכטער מיט פּרויען און די פאַרבען פון זייערע סוועטערס און קליידער האָבען זיך אויסגעמישט.

א וואונדערליך בילד!

און אט האבען זיך די פרויען אויסגעשטעלט אין ארדנונג און דער מארטש האט זיך אנגעהויבען.

און געצווינגען האט זיך דער מארטש פון דאון־טאון צו אפ־טאון.

איך בין נאכגעגאנגען דעם מארטש ביז דער ניינטער סטריט.

ביי דער ניינטער סטריט האב איך געהערט א בעקאנטע שטימע:

— גוט באי, קאוונער! וואס מאכסטו?

איך קוק זיך אום — משה! משה קאפויר! ער געהט אין מי־טען גאס, גלייך מיט די טרעקס, דאס היטעל מיט׳ן רעקעל איבער־געקעהרט אויפ׳ן לינקען זייט, און אויפ׳ן רעקעל — דאס וועסטעל. אין האנד א באנער, נור אויפ׳ן באנער איז גאר ניט אויפגעשריבען.

— וואס טהוסטו? — פרעג איך משה׳ן.

— איך מארטש!

— פאר וואס מארטשטו ניט גלייך מיט אלע פרויען?

— איך מארטש דאך.

— דו מארטשט דאך אבער פערקעהרט.

— וואס הייסט פערקעהרט?

— פערקעהרט הייסט קאפויר: דער מארטש געהט פון ד א ו ן־ט א ו ן צו א פ־ט א ו ן, און דו געהסט פון א פ־ט א ו ן צו ד א ו ן־ט א ו ן. אט דאס הייסט פערקעהרט.

— וואס דען האסטו געוואלט, איך זאל מארטשען גלייך מיט אלעמען?

— וואס־זשע טראגסטו עפעס א באנער אהן אן אויפשריפט?

— אט אזא מענש ביז איך! ווייל אלע באנערס האבען אויפ־שריפטען, וויל איך האבען א באנער אהן אן אויפשריפט!

— ווייסט דאך קיינער ניט וואס דו ווילסט.

— איז ניט! וואו שטעהט דאס געשריבען אז מען מוז וויסען?

און משה האט זיך אוועקגעלאזט ווייטער מארטשען מיט׳ן ניט בעשריבענעם באנער אין האנד.

# משה פראוועט אַ בר מצוה.

מיין חבר משה פייפט נאָך אַלץ אויף דער וועלט, און די וועלט פייפט נאָך אַלץ אויף משה'ן.

ביידע פייפען...

ווען מענשען געהען ארום אין די גאסען מיט רויט־פאר־פרוירענע נעזער, מיט די הענד בעהאלטען אי די ארבעל, איינגע־קארטשעט, איינגעהויקערט, מיט „לעפּלאך“ אויף די אויערען און מיט ווארימע קאלאשען אויף די פיס — גראד איצט שפּאנט זיך משה קאפּויר ארום אין גאס אין א ווייס סוטעל, מיט ווייסע שיך און א שטרויענעם קאפּעלוש.

און עסען עסט ער נאָר אייז־קרים, און טרינקען טרינקט ער נאָר אייז־וואסער און ער פאָהרט זיך יעדען טאָג באָדען אין קוני איילאנד.

איצט, זאָגט ער, איז די ריכטיגע צייט! דער ים איז ריין, דאָס זאמד איז ריין און מען זעהט ניט קיין נאַקעטע אידענעס ארומוואַל־גערען זיך. א מחיה! ער וועט זיך, זאָגט ער, אזוי באָדען, ביז מ'וועט דערלעבען פּסח.

אָבער משה געהט נאָך ווייטער מיט זיין קאפּוירקייט. אַט האָט זיין באָיטשיקעל אָנגעהויבען תפילין לייגען צו פ ע ר צ ע ה ן יאָהר. סטייטש, פאַר וואָס צו פערצעהן? ווייל אַלע הויבען אָן צו ד ר י י צ ע ה ן, הויבט ער אָן צו פערצעהן.

נאָך מעהר: ער האָט אויסדריקליך פערלאַנגט, זיין באָיטשי־קעל זאָל לעגען די תפילין ניט ווי אַלע לייגען, נאָר פערקעהרט: דעם „של ראש“ אויפ'ן האנד און דעם „של יד“ אויפ'ן קאָפּ.

אז משה רעדט, למשל, דורכ'ן טעלעפאָן, רעדט ער אריין אין דעם רעסיווער, און דעם „סטענד“ (אין וועלכען מען רעדט אריין), לעגט ער צו צום אויער.

אי ער הערט דאָך ניט וואָס י ע נ ע ר רעדט, און יענער

הערט ניט וואס ער רעדט—ארט איהם ניט! ער וועט זיך ניט אונ־טערגעבען, זאגט ער, ער זאל אפילו וויסען, אז ער וועט דערביי פערלירען א פערמעגען!

אט אזוי ענטפערט משה יעדען איינעם און ער פייפט אויף דער וועלט...

נעכטען ארום צעהן אזייגער פארמיטאג, האב איך איהם גע־טראפען, פערשטעהט זיך, אין זיין ווייסען זומערדיגען סוטעל מיט די ווייסע שיך און שטרויענעם קאפעלושעל. ער איז געגאנגען, ווי זיין שטייגער איז, גלייך מיט די קאר־טרעקס.

אז ער האט מיר דערזעהן, האט ער אויסגערופען:

— גוד באי, קאוונער! און געמאכט מיט דער האנד, איך זאל צוקומען צו איהם.

איך קום צו און טהו א קוק, זעה איך, אז משה האלט אין איין האנד א גרויסען שמאלץ־הערינג.

— וואס איז דאס? — פרעג איך.

— א שמאלץ־הערינג! — ענטפערט ער קורץ — אזוי ווי מאר־גען איז טהענקסגיווינג דעי, וויל איך האבען צו דינער א הערינג.

— וואס איז מכה א אינדיק?

— איך פייף אויף דער מנהג! ווייל אלע עסען אינדיקעס, וועל איך דוקא עסען הערינג.

— און ווען עסטו אינדיק?

— אינדיק עס איך דעם פערטען דזשוליי...

אט אזא מענש איז משה.

**ע נ ד ע.**

# איהר דארפט ניט נאכטהאָן

## משה קאַפּויר׳ן

אז משה וואוינט אין ברוקלין איז גאנץ נאַטיר־ליך, אז ער זאָל קויפען זיינע פוירניטשור אין אונ־זער ניו יאָרקער סטאָר. דעם זעלבען סעט האָט ער געקענט קריגען אין אונזער ברוקלינער סטאָר, אָבער אויף דעם איז ער דאָך משה קאַפּויר.

פאר די בעקוועמליכקייט פון אונזער גרויסער צאָהל קאסטימערס אין ברוקלין, בראנזוויל און איסט ניו יאָרק, האָבען מיר אין אונזער ברוקלינער סטאָר דעם זעלבען גרויסען און פערשיעדענארטיגען סטאק פון די בעסטע קוואַליטי פוירניטשור. א וואונדערבאַ״ דעם אויסוואהל פון דיינינג רום, בעד רום און לייב־רערי פוירניטשור אימער אין סטאק. ברוקלינער באַזוכט אונזער ברוקלינער סטאָר און שפּאָרט זיך צייט און מיה.

**קעש אָדער איהר קענט עפענען אַן אקאָונט אויף די ראַיעלסטע בעדינגונגען.**

---

| | | |
|---|---|---|
| וואטשט<br>אונזערע<br>וועכענטליכע<br>ספּעשעלס | **Scher Furniture Co.**<br>**819 BROADWAY**<br>Cor. Ellery St. BROOKLYN, N. Y. | וואטשט<br>אונזערע<br>וועכענטליכע<br>ספּעשעלס |

# די גאַראַנטי פאָנאָגראַף קאָ.

מאַקס מאנדעל, פּראָפּ.



איינע פון די עלטסטע און ראיעלסטע
פאָנאָגראַף פירמעס אין דעם
אידישען קוואַרטאל

אויב איהר דיינקט צו קויפען א

# וויקטאָר
אָדער
# קאָלאמביא
פאָנאָגראַף

איז עס אין אייערע אינטערעסען אריינצוגעהן פריהער צו די
גאראנטי פאָנאָגראַף קאָמפאני און נאָכזעהן דעם שעהנעם
פאָלקאָמענעם אויסוואהל פון די וועלט'ס בעסטע טאָקינג
מאשינען און רעקאָרדס. איהר וועט דאן זעהן אז עס איז
דאָ אן אונטערשיעד ווען איהר קויפט ביי די גאראנטי

# Guarantee Phonograph Co.

מאקס מאנדעל, פּראפּ.

2 סטארס:

120 DELANCEY STREET
**Near Essex St., New York**

257 WASHINGTON ST.
BROOKLYN, N. Y.

# אויב מיר קענען צופרידענשטעלען

# משה קאפויר'ן

ווען מיר אייך זיכער צופריעדענשטעלען. ס'איז אהנע צווייפעל, אז משה איז א מבין אויף גוטע פוירניטשור און אז איהר וועט אריינקומען צו אונז און זעהן אונזער ליין, וועט איהר קריגען צוטרוי אין זיינע מבינות.

אונזער ליין פון פוירניטשור איז איינע פון די פאלקאמענסטע און שעהנסטע וואס איז צו זעהן. הונדערטע מאדעלם און פערשיעדענארטיגע דעזיינס און קאלירען, פראכטפאלע דיינינג רום, בעד רום, לייברערי סעט און הונדערטע איינצעלנע שטיקער וואס וועלען ציערען און מאכען אייער היים מעהר היימיש.

קעש אדער איהר קענט עפענען אן אקאונט אויף די ראיעלסטע בעדינגונגען.

| | | |
|---|---|---|
| וואטשט<br>אונזערע<br>וועכענטליכע<br>ספעשעלס | **BARNEY SCHER**<br>**31 AVENUE A**<br>**Bet. 2nd & 3rd Sts.** **New York** | וואטשט<br>אונזער<br>טרייד מארק<br>די שער |



# משה וויל נור קונסט!

אַט ווי איהר קוקט נור אַהן משה קאַפּויר'ן — דאַכט זיך אַ איד אַ שלים מזל'ניק — איין זאך גי־ב'ען אלע צו, אויף קונסט איז ער אַ מבין. ער פער־שטעהט וואָס אַ גוטע בילד איז און ווייס אויך וואו דאָס צו קריגען.

דערפאר האָט ער אויסגעקליבען דעם פּאָפּו־לערסטען פאָטאָגראפער מ. פרומקין, פון 85 עוועניו „בי", איהם צו פאָטאָגראפירען.

ער איז אָבער ניט דער איינציגער וואָס פאר־שטעהט וואָס אַ גוטע בילד איז, און ניט דער איינ־ציגער וואָס געהט צו פרומקין'ען.

איהר וועט געפינען פרומקינ'ס אַ פאָטאָגראפיע אין כמעט יעדער אידישער היים.

# מ. פרומקין

25 יאָהר אַ פאָטאָגראפער

**85 עוועניו „בי"** צווישען 5טע און 6טע סטריטס. **. . . ניו יאָרק**

טעלעפאָן 6970 אָרטשארד.